Opłata pocztowa uiszczona ryczałtem.

NAJER FOLKSBLAT

פרייז 15 גראַשען

היינט 10 זייטען

# נייער פאָלקסבלאַט

| № 104 | Łódź, Czwartek, 5 maja 1932 r. | צענטער יאהרגאנג | לאדז, דאנערשטאג, כ״ט ניסן תרצ״ב | № 104 |
| --- | --- | --- | --- | --- |

Adres Redakcji i Administracji: Łódź, Piotrkowska 21, tel. 224-71. — אדרעס פון רעדאַקציע און אַדמיניסטראַציע: לאדז, פעטריקאווער 21, טעל. 224-71


# אמעריקא ערב אנ׳אינפלאציע

## אויף 33 פראצ. זאל פערקלענערט ווערען די קויפס=קראפט פון דאלאר

## די ירידה פון דאלאר — א סכנה פאר דער וועלטווירטשאפט

נ י ו־י אָ ר ק, 4. (ספּ. טעל.) נעכטען איז דער קורס פון דאָלאַר שטאַרק געפאַלען אין בעצוג צו אויסלענדישע דעוויזען.

די סיבה דערפון איז די מורא פאַר אינפלאציע, אין שייכות דערמיט, וואָס דאָס רעפּרעזענטאַנטען־הויז האָט אָנגענומען אַ געזעץ־פּראָיעקט, וואָס זעהט פאָר די סטאַביליזירונג פונ׳ם דאָלאַר אויף דער מדרגה פון יאָהר 1926.

מען איז כמעט מעהר ווי זיכער, אַז דער פּרעזידענט הובער וועט זיך געגענשטעלען, אַז דער דאָזיגער געזעץ־פּראָיעקט זאָל נישט אַריין אין קראַפט

היינט רעכענט מען, וועט דער קורס פון דאלאָר פאַלען אין אַלע אייראָפּעאישע לענדער.

וו אַ ש י נ ג ט אָ ן. 4. (ספּ. טעל.) דער אַמעריקאַנער קאָנגרעס האָט נעכטען אָנגענומען, מיט אַ מעהרהייט פון 284 שטימע קעגען 60, אַ ביל, וואָס איז מתחייב די „פעדעראַל־רעזערוו־באַנק" צו רעדוצירען די קויף־קראַפט פונ׳ם דאָלאַר, און דערפיהרען איהם צו דער מדרגה, ווי ער איז געווען אין דער דעפּרעסיע־תקופה, ד. ה. אין י. 1926.

דאָס געזעץ איז אָנגענומען געוואָרען מיט עכט־אַמעריקאַנישער רעקאָרד־פלינקקייט: די דיסקוסיע האָט געדויערט 14 מינוט.

דער געגנער פון דעם דאָזיגען געזעץ־פּראָיעקט מעק, פעדען האָט בלויז בעוויזען צו זאָגען, אַז דעם קאַמף מיט׳ן קריזיס דאַרף, לויט׳ן נייעם געזעץ, אָנהויבען די דרוק־מאַשין, און אַז די פעדעראַל רעזערוו־באַנק" וועט קאָנען פערדאָפּלען דאָס אַרויסגעבען פון פּאַפּיר־געלד, אָדער אַז אויפ׳ן מאַרק וועלען זיך בעווייזען בייע 9 מיליאַרד דאָלאַר, וועלכע מוזען פערקלענערען די קויפס־קראַפט פון דער אַמעריקאַנער וואַלוטע אויף אַנ׳ערך 33 פּראָצענט.

וו אַ ר ש אַ, 4. (טעלעפאָניש פון אונזער קאָרעספּאָנדענט) דער נייער ביל וועגען דעם קורס פון דאָלאַר האָט געמאַכט אַ שטאַרקען רושם אין פּוילישע פינאַנץ און באַנק־קרייזען.

קיין שטימונג פון פּאַניק איז אָבער נישט צו מערקען.

די פּוילישע בענק, סיי מלוכה׳שע, סיי פּריוואַטע, האָבען זיך שוין לאַנג גערעכענט מיט דער סכנה, וואָס עס דראָהט דעם דאָלאַר מצד די ראַדיקאַלע כוונות פון וואַשינגטאָן, וועלכע זוכט אַ רעיעלע רפואה פאַר דעם קאַטאַסטראָפאַלען קריזיס, וואָס פּייניגט די פּראַייוויגטע שטאַטען.

ביי דעם היינטיגען טאָג איז עס כמעט קיין ספק נישט, אַז די אינפלאַציע פונ׳ם דאָלאַר איז אַ סכנה פון דער נאָהענטסטער צוקונפט.

וו אַ ר ש אַ, 4. (טעלעפאָניש פון אונזער קאָרעספּאָנדענט) הייבט איבדערפריה איז אויפ׳ן וואַרשאָווער דעוויזען־מאַרק געווען אַנ׳אָפּוואַרטענדע טענדענץ.

אין די שפּעקולירענדע קרייזען איז די דענערווירונג זעהר גרויס.

קיין טראַנזאַקציעס מיט דאָלאַרען האָט מען נישט געמאַכט.

---

## נעגאטיווער ענטפער פונ׳ם דאנציגער סענאט

### אויף א פוילישען פארשלאג

ד אַ נ צ י ג, 4 (טעלעפאָניש) דער דאַנציגער סענאַט האָט נעכטען איבערגעגעבען דעם הויכען קאָמיסאַר פון דעם פעלקער־בונד זיין ענטפער אויפ׳ן פּוילישען פאָרשלאג בנוגע איבערנעהמען די צאָל־פערוואַלטונג אויפ׳ן שטח פון דאַנציג.

דער ענטפער פונ׳ם סענאַט איז געווען אַ נעגאַטיווע.

---

## פאליטישער מארד אין דאנציג

ד א נ צ י ג, 4 (טעלעפאָניש). 6 אין אָוועגד איז אין דאַנציג אויסגעפיהרט געוואָרען פאָלגענדער מאָרד:

דער שטאָט־לאָווניק גרין איז געגאַנגען מיט זיין פרוי צום האָטעל „צום דויטשען הויז".

אויפ׳ן ווערענדע, לעם האָטעל איז געזעסען דער היטלעריסט גרודזשינסקי.

דער היטלעריסט האָט בעלייזיגט גריגען. יענער האָט איהם צוריקגעענטפערט.

דערנאָך האָבען זיך אויף גרינען אַרויפגעוואָרפען נאָך היטלעריסטען, און איהם אַזוי לאַנג געשלאָגען מיט קאָסטעטען, ביז ער איז געפאַלען אַ טויטער.

—:X:—

## פערמשפט 3 יודישע סטודענטען אין פראנקרייך

### פאַר ארויסרופען אנ׳אינצידענט בעת א פארלעזונג פון א ווארש. פראפעסאר

פ אַ ר י ז, 4. (יט"א טעלעגראַפיש)

ס׳איז פערעפענטליכט געוואָרען דער אורטייל פון אוניווערזיטעטס־טריבונאַל אין נאַנסי בנוגע די 3 יודישע סטודענטען, וועלכע האָבען אַרויסגערופען אַנ׳אינצידענט בעת דעם פאָרטראַג פון פּראָפעסאָר קאַל פון וואַרשאַ. לויט׳ן אורטייל איז דער סטודענט שארב בעזייטיגט געוואָרען אויף 1 יאָהר פון דער אוניווערזיטעט. די סטודענטען פיינמעסער און מאַנדעל האָבען בעקומען שווערע פאַרוואָרפען.

---

אַנטאָן ווילדגאַנז, דער בעריהמטער ווינער דיכטער, איז געשטאָרבען אין עלטער פון 51 יאָהר.

## ענטדעקט א פערשווערונג געגען א קאמיסיע פון פעלקער-בונד

ל אָ נ ד אָ ן, 4 (ספּ. טעל.) די מאַנדזשורישע מאַכט האָבען ענטדעקט אַ פערשווערונג געגען דער קאָמיסיע פון פעלקער־בונד.

עס זענען געמאַכט געוואָרען אַ סך אַרעסטען

## ארעסטירט א פאליטישען מערדער אין לעמבערג

ל ע מ ב ע ר ג, 4 (טעלעפאָניש) מ׳האָט דאָ אַרעסטירט דעם מערדער פון דעם שעף פון דער פּאָליטישער פּאָליציי אין לעמבערג, קאָמיסאַר טשעכאָצקי.

דער מערדער איז ראָמאַן באַראַנאָווסקי, אַ סטודענט־פּאָליטעכניק, וועלכער איז נישט לאַנג צוריק אַרויס פון טורמע, וואו ער איז געזעסען 3 יאָהר פאַר אַנ׳אָנפאַל אויף דער פּאָסט אין דאָלינאַ.

---


צוליב׳ן טויט פון אונזער פערוואַלטונגס־מיטגליד נ"ע

אביגדור בן אהרן ז"ל ברענער

דריקען מיר אויס דער שווער־געטראָפענער פאַמיליע אונזער טיפסטען מיטגעפיהל
המקום ינחם אתכם בתוך שארי אבלי ציון וירושלים.
די פערוואַלטונג פון תלמוד־תורה דראַדאָנאַשטש

2893 דאָלנאַ 30.

ישיבת „תומכי־תמימים" ליובאוויטש

לאדז, פאמארסקא 41a

איז מודיע, אז עס איז נאָך פערהאַן אַ בעגרענעצטע צאָהל פלעצער אין אַלע 3 מחלקות פאַר תלמידים בעלי־כשרון, וואָס קענען אַליין לערנען גפ"ת.

די תלמידים ווערען אויך בעזאָרגט מיט עסען, שלאָפען א. א. וו. אין אונזער אייגענעם איינגעאָרדענטען אינטערנאַט.

בעמערקונג: תלמידים פון פּראָווינץ דאַרפען זיך פריהער ווענדען בריפליך מיט בעצאָהלטען ענטוואָרט צו דער לשכת־הישיבה.

הנהלת־הישיבה.

2840

דעם טיפסטען ביילייד דריקען מיר אויס אונזער חשוב׳ן פריינד אינזש. יצחק זשעלינסקי און פאַמיליע צוליב׳ן טויט פון זייער אונפערגעסליכער מוטער

מרים נ"ע

המקום ינחם אתכם בתוך שארי אבלי ציון וירושלים.

פאַמיליע גרינבערג.

2858

אונזער טיפסטען ביילייד דריקען מיר אוים אונזער חשוב׳ען וויצע־פּרעזעס ר׳ יוסף בעכער, צוליב דעם פּלוצלינגען טויט פון זיין ליבען, גייסטפול־געסטגעבדם זוהן

מאטעל בעכער ז"ל

זייט געטרייסט! המקום ינחם אותך בתוך שארי אבלי ציון וירושלים.

די פערוואַלטונג פון היילפס־פעראיין „תומכי אורחים"

2857

הזכרה.

היינט דאָנערשטאַג, דעם 5־טען מאַי 1932, 12 אַ זייגער בייטאָג וועט פאָרקומען אויפ׳ן בית־החיים אַ הזכרה און די ענטהילונג פון דער מצבה פון אונזער אונפערגעסליכען מאַן און פאָטער

אברהם יואל אייזנער נ"ע

צו וועלכער אַלע קרובים, פריינד און בעקאַנטע ווערען געבעטען צו קומען.

די פאַמיליע.

2839

# 500 מאַן בערויבען אַ קויהלען=צוג

## זיי לײַדיגען אויס די וואַגאָנעס און ענטלויפען

וו א ר ש אַ, 4 (טעלעפאָניש פון אונזער קאָרעספאָנדענט) אַ קויהלען-צוג וואָס איז געגאַנגען קיין וואַרשאָ איז הינטער קאַלושקי, בײַ דער סטאַציע באַבי באַפאַלען געוואָרען דורך אַ המון פון 500 מענשען, וועלכע האָבען אויסגעלײַדיגט אַלע וואַגאָנען מיט קויהלען און זענען ענטלאָפען.

מ'האָט זיי נישט געכאַפּט.

## דער פוילישער פּאַוויליאָן

### אויף דער ארץ-ישראל-אויסשטעלונג האָט בעקומען אַן עהרען-דיפּלאָם

י ר ו ש ל י ם, 4 (ספּ. טעל.) דער פּוילישער פּאַוויליאָן אויף דער לבנון אויסשטעלונג האָט בעקומען אַן עהרען-דיפּלאָם.

פון די פירמעס, וואָס שטעלען אויס אין פּוילישען פּאַוויליאָן האָבען בעקומען זילבערנע מעדאַלען: די פירמע שטיינבאַך פון לאָדז, די טאָמאַשאָווער פאַבריק פון קונסט-זייד, און „פּעפּעגע".

## זעלבסטמאָרד פון אַ יודישען באַנקיר אין בערלין

ב ע ר ל י ן, 4, (ספּ. טעל.) דער באַנקיר קאַרל בלום איז היינט בעגאַנגען זעלבסטמאָרד, אַרויס־שפּרינגענדיג פון 4. שטאָק פונ'ם צאָל־קאָנטראָל־אַמט, וואו מ'האָט איהם אַרויסגערופען אויף אַ פערהער.

מ'האָט איהם חושד געווען, אַז ער האָט געמאַכט אומלעגאַלע טראַנזאַקציעס מיט דעוויזען אויף עטליכע מיליאָן מאַרק.

בלום איז דער'הרג'עט געוואָרען אויפ'ן אָרט.

## אַ שׂרפה אין אינערן-מיניס-טעריום

וו אַ ר ש אַ, 4. (טעלעפאָניש פון אונזער קאָרעספּאָנדענט) אין דער געביידע פון אינערן־מיניסטעריום אויף ביי־וועלט 69 איז אויסגעבראָכען אַ שׂרפה.

ס'האָט זיך אָנגעצונדען דער קאַבינעט פון שעף פון דער זיכערהייטס־מאַכט.

נאָך 2 שעה איז דאָס פייער איינגעלאָשען געוואָרען.

די שאָדענס זענען בעדייטענדע.

## אויפגעהאַנגען 25 קאָמוניסטען אין כינא

לאָנדאָן, 4. (ספּ. טעל.) אויף איינער פון די הויפּט־פּלעצער אין נאַנקין האָט מען אַדורכגעפיהרט אַן עקזעקוציע איבער 25 קאָמוניסטען, וועלכע ווערען בעשולדיגט אין אַן אַטענטאַט אויף מיטגלידער פון דער כינעזישער רעגירונג.

מען האָט זיי אַלע אויפגעהאַנגען.

## געגען דער פרייער אימיגראַציע פון יודען אין פּאַלעסטינע

לאָנדאָן, 4. (ספּ. טעל.) ענטפערענדיג אויף די פאַרוואורפען פון דעפּוטאַט וועדזשוואוד, אין פּאַרלאַמענט, אַז ענגלישע בעאַמטע פיהרען אין פּאַלעסטינע, כּנגד אייגענער איניציאַטיווע אַ געגען־יודישע פּאָליטיק — האָט דער וויצע־קאָלאָניען־מיניסטער האַמילטאָן דערקלערט, אַז די מאַסען־אימיגראַציע פון יודען אין פּאַלעסטינא איז נישט דערלאָזבאַר די דאָזיגע אימיגראַציע מוז צוגעפּאַסט ווערען צו די בעדערפענישען פון לאַנד און אַרבייטס־כּוחות. מהיום והלאה וועט דער בריטישער הויך־קאָמיסאַר פון צייט צו צייט אַרויסגעבען דעקלאַראַציעס אויף דער אימיגראַציע פון אַ געוויסער צאָהל יודען אין א"י.

## בײַם אַנקומען פון ריזיגען פראַנצויזישען דאַמפער „איל דע פראַנס" קיין ניו-יאָרק

האָט מען אויף דער שיף געפונען פאַר 4 מיליאָן דאָלאַרס נאַרקאָטישע מיטלען.

## דער עסטרייכישער פּאַרלאַמענט זאָל פונאַנדערגעלאָזט ווערען

ווי ע ן, 4. (ספּ. טעל.) עס האַלט דערביי, אַז דער עסטרייכישער פּאַרלאַמענט זאָל פונאַנדערגעלאָזט ווערען.

היינט זאָל דער ענין בעשלאָסען ווערען.

די רעגירונג זאָלען איבערנעהמען די סאָציאַליסטען.

## קויהלען-סכסוך אין ענגלאַנד

ל אָ נ ד אָ ן, 4. (ספּ. טעל.) מ'דערוואַרט זיך, אַז מחמת דער אונמעגליכקייט צו דערגרייכען אַ דירעקטען הסכם צווישען קויהלען-מאַגנאַטען און די בערג-אַרבייטער, וועט די רעגירונג די טאָג אַרײַנטראָגען אין פּאַרלאַמענט אַ נײַעם קויהלען-געזעץ, וואָס וועט פערלענגערן די איצטיגע אַרבייטס-צייט, ד. ה. צו 7 אַ האַלב שעה, וואָס וועט גאַראַנטירען אויף אַ יאָהר די איצטיגע לוינען.

## אַ כעלעמער ראַפּאָרט

### „דער לאָקאָמאָטיוו איז געבליבען גאַנץ"...

ל ו ב ל י ן, 4 (טעלעפאָניש). אויף דער כעלעמער באַהן-סטאַציע איז אַ 12-יעהריג מיידעלע אַזוי פאַטאַל איבערגעלאָפען די באַהן-ליניע, אַז זי איז אומגעפאַלען און אַ פערבײַפאָהרענדער צוג האָט איהר ערנסט פערוואונדעט. צום גליק האָט דער לאָקאָמאָטיוו איהר אָפּגעוואָרפען אויף אַ שטיקעל מהלך און דאָס קינד איז געבליבען לעבען.

דער ראַפּאָרט פון דער כעלעמער באַהן-סטאַציע צו דער העכערער מאַכט אין וואַרשאַ וועגען דאָזיגען פאַרפאַל ענדיגט זיך מיט אַזאַ קאָמענטאַר: „די גלייזען האָט נישט פעראורזאַכט קיין שאָדען פאַר דער באַהן-ליניע און אויך דער לאָקאָמאָטיוו איז נישט צושעדיגט געוואָרען".

באמת אַ גליק, וואָס אַ קערפּער פון אַ 12-יעהריג מיידעל האָט נישט צושמעטערט דעם לאָקאָמאָטיוו און נישט קיין תּל געמאַכט פון דער באַהן-סטאַציע...


שײַטלען מיט פּאַריזער שרינדען

ווי אויך פ ע ר ט י ג ע ש ײַ ט ל ע ן
ווערען ערשטקלאַסיג און רעעל אויסגעאַרבייט
צו ביליגע פּרייזען
— און אָ נ ד ו ל אַ צ י ע —
בײַ ק ע ר ש, סקווערנאַ 15
לינקע אָפיציגע, 1-טער שטאָק.

מיכאל קאַנדאַל

זיך
אַלעס פאַר
גראַפּישע אַנשטאַלטען
דרוקערייען און פערלאַגען
צנטרפשתלם

די איינציגע אידישע צינקאָגראַפיע אין לאָדז
„געלבקס"
104
טעל.: 241-24

ר ענטגעניצע

פון דאָקטוירים=ספּעציאַליסטען
17 זגיערזשער 17,
טעלעפאָן 33=116
ס'נעהמען אָן דאָקטוירים פון אַלע ספּעציאַליטעטען
ד"ר גאָלדשטיין=פּאָלאַק, ד"ר יוסטמאַן,
ד"ר מ. קאַנטאָר, ד"ר ציענע, ד"ר ראַקאָווסקי, ד"ר ראָזענצווייג, ד"ר רוזשאַנער, ד"ר ווײַנבערג, ד"ר סטופּעל,
צאָהן-אַרצט גראַדזיענטשיק=קאַראַשיאָווא
ווי אויך וו י ז י ט ע ן א י ן ש ט אַ ט.
רענטגען-בעשטראַלונגען, קווארץ, דיאַטערמיע,
עלעקטריזאַציע און ערצטליכע אַנאַליזען.

אויטאָגענישע שווייסונגען
מעטאַל=בעאַרבייטונגען
שלאָסעריי=אַרבייטען
מאַשינען = טיילען
פיהרט אויס ביליג

J. REDER, Łódź
קאָנסטאַנטינער 11/13
(רוג זאַכאָדניאַ)

קויפט נור פון די 1-טע קוועלע
גרויסער אויסוואַהל

שפּאַצירוואַגענס
אייזען = ניקעל-
בעטען
מאַטראַצען
„Patent" ספּרענזינאָווע
ווידזשימאַטשקעס אַמעריקאַנער
צו בעקומען אין פאַבריקס-לאַגער
„DOBROPOL", Łódź
Piotrkowska 73 (אין הויף)

קלעפּסידרעס
צו זעהר ביליגע פּרייזען
בעקומט אין די דרוקעריי פון
„נײַעם פאָלקסבלאַט"
די קלעפּסידרעס ווערען אין משך פון 1 שעה אויסגעפערטיגט
און פונאַנדערגעקלעבט איבער דער שטאָט.

אַ לאַנגיעהריגער
מיליטער-בעאַמטער
שרייבט ערלעדיגט אין אַלע מיליטער-זאַכען
ספּעציאַליסט אין שרייבען פון ביטעס פאַר
א י י נ צ י ג ע ש פּ י י ז ע ר ס
מאַן
פּעטריקאָווער 10

Starszy Felczer
L. Tajchner
אַלטשטאַדט 12 טעל. 165-72
בעזיצט אַ 23-יעהריגע ש פּ י ט אַ ל - פּ ר אַ ק ט י ק
אין וואַרשאַ און אין לאָדז.
נעהמט אָן קראַנקע פון אַלע ספּעציאַליטעטען
אַ גאַנצען טאָג.
פאַר אָרימע אויפנאַהם פון 8–10 פּריה נור 1 זל.

DR. MED. J. ŁUBICZ
כ י ר ו ר ג - אָ ר ט אָ פּ ע ד
פּאָלודניאָווא 9, טעל. 17=183
קראַנקהייטען פון די ביינער, געלענקען,
פערקרימונגען פון די פּלייצעס און גלידער
אייגענע פּראַצאָווניע פון זעטעלינעט אָרטאָפּעדישע אַרטיקלען ווי: הקלאַרפּעס אויף פּלאַטפוסען, קינסטליכע הענד און פיס, גאָרסעטען א. ז. וו.
נעהמט אָן פון 2.30 ביז 4.03 נאָכמיטאָג.

ר ענטגעניצע
פון דאָקטוירים - ספּעציאַליסטען
11 בזשעזשינער 11
טעלעפאָן 63=137
ס'נעהמען אָן דאָקטוירים פון אַלע ספּעציאַליטעטען
וואָלינסקי, זאַלצוואַסער, לוביטש,
סלאָבאָדסקי, קערשנער, שיפּמאַן,
שמירגעלד, שמערלאָווסקי
ווי אויך וו י ז י ט ע ן א י ן ש ט אַ ט.
עלעקטריזאַציע, אַנאַליזען, דענטיסטישער קאַבינעט
צאָהן-אַרצט לאָזשינסקאַ=סטאַראָפּאָלסקאַ
אַ בעראַטונג בײַם אויגען-דאָקטאָר נאָר 3 זל.

יעדער איינציגער
האָט זיך איבערצייגט, אַז פאַר
מעבעל
דיוואַנעס, פּעלצען, נייה-מאַשינען, גאַרדעראָבען אז"וו
צאָהלט די העכסטע פּרייזען
א. ווײַצמאַן שענקעוויטש 23
טעלעפאָן 00=191.
בײַ מיר איז שטענדיג פערשידען גענוצטע מעבעל אין גוטען צושטאַנד צו פערקויפען.

יודיש-פוילישע געז.
לײַה=ביבליאָטעק
אויפ'ן נאָמען פון
א. אײַזענשלאָס
לימאַנאָווסקי (אַלעקסאַנדראָווסקאַ) 15
די ביבליאָטעק איז אָפען פרייטאָג, שבת און זונטאָג פון 5 ביז 9 אָוועגד. מאָנטאָג, דינסטאָג, מיטוואָך און דאָנערשטאָג פון 7 ביז 10 אין אָוועגד.
מיטגלידער-אָפּצאָהל 80 גראָשען אַ חודש.
פאַר אַרבייטסלאָזע 60 גראָשען אַ חודש.

# א דונער דער'הרג'עט 3 מענשען אין ווילנער קאנט

ווילנע, 4 (טעלעפאניש) בעת דעם נעכ-טיגען, ביינאכטיגען שטורעם איבער'ן ווילנער קאנט, האט א דונער געטראפען אין דונער-אפליי-טער פון דעם קאשטשאל אין מאלוקניא (ווילנער קרייז) און מיט'ן עלעקטרישען דראט זיך א'יינגע-קראגען אין דער קינדער-אכראנקע, וואו ער האט דער'הרג'עט דעם 9-יאהריגען יונגעל סילענק און 2 דערציהערינס: די פרויען בארטאשעוויטש, און יורעוויטש.



דער געוו. עסטרייכישער קאנצלער ד"ר זייפעל איז שווער קראנק געווארען.

## דער מיינונגס-אויסטייש צווישען די גרויסע מלוכות

גענף, 4. (ספ. טעל.) „זשורנאל דע נאציאן" איז מודיע, אז די דייטשע און אמעריקאנישע רע-גירונג האבען פראפאנירט דעם 18. מאי, אלס דעם טערמין פון אנהויבען די אונטערהאנדלונגען צווי-שען די גרויסע מלוכות.

די אונטערהאנדלונגען, וואס מאקדאנאלד האט וועגען דעם ענין געפיהרט מיט אנדערע מלוכות, דערלויבט נישט צו רעכענען, אז די בע-ראטונגען, וואס זענען לעצטענס איבערגעריסען געווארען מחמת דער קראנקהייט פון טארדיע'ן, זאלען זיך קאנען אנהויבען פאר יוני, עטליכע טעג ערב דער דערעפנונג פון דער לאזאנער קאנפערענץ.

## געשטארבען אן אנגעזעהענער פיהרער פון אמעריקאנער יודענטום

ניו-יארק (יט"א) אין עלטער פון 74 יאהר איז דא געשטארבען איינער פון די פראמינענטע-סטע פיהרער פון אמעריקאנער יודענטום. סיירוס ל. זולצבערגער. דער פערשטארבענער איז געווען גרינדער, פיהרער און אקטיווער טוער אין א גרוי-סער צאהל יודיש-אמעריקאנישע געזעלשאפטען און אינסטיטוציעס.

סיירוס זולצבערגער איז אין סוף פאריגען יאהרהונדערט געווען בעזונדערס שטארק טעטיג אין דער ארגאניזירונג פון יודישע קהלות אין צעהנדלי-גער אמעריקאנער שטעט. צו זיינע נאהענטסטע מיט-ארבייטער און אין א געוויסען זין צו זיינע תלמידים אין דער געזעלשאפטליכער ארבייט האבען געהערט דוד ברעסלער, דזשייקאב, ביליקאפף, מאריס וואלדמאן, ד"ר ל. פרענקעל, ד"ר באריס באגען, ד"ר סאלאמאן לעווענשטיין און פיל אנ-דערע געזעלשאפטליכע עסקנים פון אמעריקאנער יודענטום.

הגם דער פערשטארבענער איז נישט געווען קיין ציוניסט, פלעגט ער דאך ביי יעדער געלעגענ-הייט ארויסווייזען זיין סימפאטיע און פראקטישע אונטערשטיצונג פון דער א"י-זאך, בעזונדערס אק-טיוו איז זולצבערגער געווען ביים שאפען פאנדען פאר דער העברעאישער אוניווערזיטעט.

סיירוס זולצבערגער איז געווען איינער פון די גרינדער פון יודיש-אמעריקאנער קאמיטעט. ער האט אויך ארויסגעוויזען אן אינטערעס פאר דער יו-דישער פרעסע אין אמעריקא און איז געווען מיט-גרינדער פון „אמעריקאנער היברו", וואס פייערט איצט זיין 50-יעהריגען עקזיסטענץ-יובילעאום.

## א קוילענוואַרפער-אפטיילונג פון דייטשע מיליטער מיט גאז-מאסקעס

## אנטיסעמיטען אויסגעהאקט שויבען אין די יוד. געשעפטען אין סאלאניקי

סאלאניקי, (י.ט.א.) אונעטדעקטע כולי-גאנים האבען ביינאכט אויסגעהאקט אלע שויבען אין אלע גרויסע יודישע ווארען-הייזער אין האנ-דעלס-קווארטאל. די פאליציייאישע אויספארשונג האט ביז-איצט נישט געבראכט קיין שום רעזול-טאט.

ווי בעקאנט, זענען די שויבען אין די דא-זיגע געשעפטען אויסגעהאקט געווארען אויך בעת די אנטי-יודישע עקסצעסען. וואס זענען פארגעקומען אין סאלאניקי אין יולי פאריגען יאהר.

## אריגינעלער שטרייק פון וועהלער

פאריז, 4. (ספ. טעל.) אין קרייז מאנטעס, אין די מורח-פירינעיען, האט די בעפעלקערונג זיך אפגעזאגט צו אנטיילנעהמען אין די וואהלען, מחמת פראטעסט, וואס ביז איצט האבען זיי נישט קיין נעהעריגען בריק.

## בית-עולם-שענדונגען אין דייטשלאנד

בערלין. (י.ט.א.) דעם „צענטראל-פער-איין" ווערט מיטגעטיילט, אז אונעטדעקטע כולי-גאנים האבען פראפאנירט אייניגע קברים אויף די יודישע בית-עלמינ'ס אין דיקינגען (קרייז הנוי) און וואנע-אייקעל. די שענדער האבען צובראכען מצבות און אויף אנדערע אויסגעקריצט האקענ-קרייץ-צייכענס.

## אימיגראציע און עמיגראציע אין ארץ-ישראל

ירושלים. (יט"א) אין משך פון חודש מערץ האבען קיין ארץ-ישראל אימיגרירט 1638 פערזאן, דערפון 1355 יודען. 1066 פון די 1355 יודען זענען געקומען אלס טוריסטען. אין דעם זעלבען חודש האבען דאס לאנד פערלאזען 136 פערזאן, דערין 51 יודען.

## דער ערשטער מאי איז א"י איז אדורך רוהיג

ירושלים. (יט"א) דער טאג פון 1-טען מאי איז אין גאנצען לאנד אדורך פולשטענדיג רו-היג. איבער'ן גאנצען לאנד האבען געשטרייקט הן די יודישע, הן אראבישע ארבעטער. בעזונדערס גרויס איז געווען דער אנטייל פון די שטרייקענדע אראבישע ארבעטער אין חיפה, וואו אראבישע רעדנער זענען אויך ארויסגעטרעטען אויף דער דארטיגער מאי-אקאדעמיע. אין תל-אביב איז פאר-געקומען אן ארבייטער-מיטינג, אויף וועלכען עס איז צוו. אנר. ארויסגעטרעטען דוד פינסקי. די אקאדעמיע האט געשיקט א בעגריסונג צום סאצ-יאליסטישען אינטערנאציאנאל.

## א נאציאנאל - סאציאליסטישע פארטיי אין רומעניען

בוקארעשט, (י.ט.א.) אונטער'ן פארזיץ פון סטואטאר סטעפאן טאטארעסקי, א ברודער פון דעם געוו. אונטערשטאטס-סעקרעטאר אין אויסערן-מיניסטעריום, איז דא פארגעקומען די גרינדונג פון א רומענישער נאציאנאל-סאציאליסטישער פאר-טיי. די נייע פארטיי טרעט צו איניגכען ארויסצו-געבען אן אייגענעם ארגאן. דערווייל איז נאך נישט בעוואוסט, צי עס האנדעלט זיך וועגען אן אויסגעשפראכען אנטיסעמיטישער פארטיי און צי איז עס נישט א רעארגאניזאציע פון דער אויפ-געלעזטער „אייזערנער גווארדיע".

## אנטי-יודישע העצע אין מעקסיקא

מעקסיקא-סיטי (יט"א) אייניגע מעקסי-קאנישע צייטונגען („על נאסיאנאל", „לא פרענסא" א. א.) פיהרען ווייטער זייער קאמפאניע געגען די מעקסיקאנער יודען און זייערע אינסטיטוציעס. די קאמפאניע איז לעצטענס זאגאר פערברייטערט גע-ווארען און ווערט געפיהרט אויך געגען אנדערע מינדערהייטען, דערהויפט כינעזער.

פון דער שטאט וויא-הערמאסא זענען ארויס-געשיקט געווארען דורך דער מוניציפאל-מאכט איי-ניגע יודישע פאמיליעס, צו פערבלייבען אין שטאט האט מען ערלויבט בלויז די יודען, וואס האבען חתונה געהאט מיט מעקסיקאנישע פרויען.

היינט און פאלגענדע טעג!
א רעוואלוציע-פילם, וואס ענטפלעקט די הינטערקוליסען-ארבייט פון שפיאנאזש און קאנטער-שפיאנאזש פון די קעמפענדע ארמעען אין דער צייט פון דער וועלט-מלחמה א. ג.

פרוי און שפיאן

רעזשי פון אויסגעצייכענטען
GUSTAW UCICKI
אין די הויפטראלן:
BRYGIDA HELM
WILLY FRITSCH
אויסערן פראגראם: פאראמאנט-ביילאגע און אקטואליטעטען פון לאנד.

פאפולערע פרייזן. הנחה-בי:עטן גילטיג. אנהויב אין געוו. טעג 4 30 נאכמיטאג, שבת, זונטאג און יום-טוב 1 בייטאג.


# עלענד, נויט און ארימקייט

## דער געהיימער בעריכט פון פעלקער-בונד וועגען פרויען-האנדעל

מיר האבען די טעג געבראכט אן ארטיקעל וועגען דעם אנטייל פון די יודען אין דער ארבייט פון פעלקערבונד ביים בעקעמפען דעם האנדעל מיט ווייסע שקלאפינס. די אויסלענדישע פרעסע ברענגט איצט אינטערעסאנטע פרטים וועגען דער ארבייט פון געהעריגען קאמיטעט ביים פעלקערבונד בכלל. אין דעם קאמיטעט ווערט צוגעגרייט א געהיימער בע-ריכט, מיט דער ארבייט איז פערנומען איינער, וואס הייסט בעסקאמב דזשאנסאן.

דער דאזיגער דזשאנסאן ווערט גערעכענט פאר'ן בעסטען קענער פון דער סיטואציע אין האנדעל מיט פרויען אויפ'ן נאהענטען און ווייטען מזרח. דער בעריכט וועלכען ער גרייט צו, דארף זיין שטרענג געהיים, אבער אייניגע זשורנאליסטען איז געלונגען זיך צו בעקומען מיט עטליכע פרטים פון בעריכט.

די מיינונג פון די, וואס האבען זיך בעקענט מיט'ן בעריכט, איז אזא, אז ווען דער בעריכט וואלט פערעפענטליכט געווארן, וואלט ער אין דער גאנצער וועלט ארויסגערופען א שטורעם. דער בעריכט דעקט אויף אלע פרטים וועגען דער ארגאניזאציע פון דער פערברעכערישער וועלט, וועלכע האנדעלט מיט פרוי-ען אין בוכשטעבליכען זין פון ווארט, אזוי ווי מען האנדעלט מיט יעדער אנדערער סחורה.

די דאזיגע פערברעכער נארען אריין אין זייער נעץ קליינע און דערוואקסענע פריילייכס, אויסנוצענ-דיג די מענשליכע עלענד, נויט און ארימקייט, דער דאזיגער האנדעל געפינט זיך איצט אין דער העכ-סטער אויפבליהונג. דער וועלט-קריזיס ארבייט פאר דער פערברעכערישער באנדע און טויזענדער פרוי-ען ווערען געטריבען אין זייערע הענד א דאנק דער ארבייטסלאזיגקייט, נויט און הונגער, עס פאלען אלס קרבנות פון נידערטרעכטיגען האנדעל אזעלכע פרויען, וואס וואלטען ביי אנדערע בעדינגונגען אויף קיין פאל נישט געקומען צו אזא מדרגה.

דער בעריכט פון דזשאנסאן גיט אפ פיל פלאץ די אזוי גערופענע שעהנהייטס-קאנקורסען וועלכע שפילען נישט קיין קליינע ראלע אין צושטע-לען מאטעריאל פאר די פרויען-הענדלער. דער גורל פון א סך שעהנהייטס-קעניגינס, נאכדעם ווי זיי געהען אראפ פון דער ארענע און דער עולם הערט אויף מיט זיי זיך צו אינטערעסירען איז זעהר אפט באמת טראגיש, עס איז פעסטגעשטעלט געווא-רען אז זעהר פיל קעניגינס און אנדערע מיידלעך, וועלכע האבען אנטיילגענומע און אין די קאנקורסען זע-נען געווארען קרבנות פון די פרויען-הענדלער.

פיל פרויען קומען אן אין די פראייניגטע שטא-טען לויט פאלשע חתונה דאקומענטען, דאס דאזיגע מיטעל פלעגט אפט אנגעווענדעט ווערען דורך די פרויען-הענדלער, וועלכע האבען אפערירט אין הויי-לען, אין ווארש... פאליציי איינמאל פלוצים בעפאלען אזא געהיימע ביורא פון פרויען-הענדלער. די רעוויזיע האט געגעבען סענסאציאנעלע רעזול-טאטען. עס איז ענטדעקט געווארען א געהיימער א-רויסגאנג, וועלכער האט געפיהרט אין א קעלער א-ריין. אין קעלער האט מען געפונען עטליכע מייד-לעך אין עלטער פון 14 ביז 18 יאהר, וועלכע הא-בען דא געלעבט ווי געפאנגענע און האבען גע-ווארט מען זאל זיי אוועקטראנספארטירען קיין אויס לאנד.

— די —
בעוואוסטע פעלד-בעטן
„Palma-Patent"
Palma-Patent
וואס זענען אלעמען בעקאנט מיט זייער פראקטישקייט און דויערהאפטיגקייט
מיט א גאראנטיע אויף 3 יאהר
ווי אויך לעזשאקעס, פעלד-בעטלעך און פעלד-בענקלעך
מאטראצען געבעטע, שאטקאווע, קאנאדיסקע קאזעטקעס, טאפטשאנעס
בעקומט מען נור אין דער בעקאנטער פאבריק
לאדז, פולנאצנא 24, טעל. 131-85.
הורט
דעטייל

לאדז, 5 מאי 1932

# „נייער פאלקסבלאט"

לאדז, 5 מאי 1932

# די וואהלען אין פראנקרייך

דעם ערשטען מאי זענען פארגעקומען די וואהלען צום פראנצויזישען פארלאמענט פון די זעקס הונדערט מיט עטליכע און זעכציג דעפוטאטען, וועלכע געהען אריין אין פארלאמענט זענען ענטגילטיג אויסגעוועהלט געווארען דערווייל בלויז 244. די איבעריגע וועלען געוועהלט ווערען דעם קומענדיגען זונטאג. דאס איז אן אייגענשאפט פון דער פראנצויזישער וואהל־ארדינאציע, וועלכע זעהט פאראויס א דאפעלטע אפשטימונג; די קאנדידאטען וועלכע בעקומען נישט ביי דער ערשטער אפשטימונג קיין ענטגילטיגע מעהרהייט, זענען אונטערגעווארפען א צווייטער אפשטימונג. ערשט ביי דער צווייטער טור קומען געוועהנליך צושטאנד פערשידענע פאראייניגונגען און בלאקען, וועלכע קאנען ענדערען דאס בילד פון די וואהלען און ברענגען גאנץ אפט זעהר וויכטיגע סורפריזען.

ביים ערשטען טור פון די וואהלען האט זיך ארויסגעוויזען אז א ביסעל גערוקט זיך פאראויס האבען די לינקע גרופירונגען פון דעם פארלאמענט. עס איז געוואקסען די צאהל שטימען פון די סאציאליסטען, עס האבען געוואונען מאנדאטען די ראדיקאל־סאציאליסטען פון הערי־אט גרופע (געווינס פון אן ערך 30 מאנדאטען), די סאציאליסטען האבען דערווייל בעקומען 40 מאנדאטען, די ביידע לינקע גרופירונגען האפען אין צווייטען טור נאך מעהר צו פערגרעסערען זייערע איינפלוסען און זייער געווינס.

ווי געזאגט, זענען די וואהלען נאך נישט געענדיגט און קיין ענטגילטיג ווארט וועגען זיי קאן מען נישט זאגען, זיי קאנען נאך ברענגען פיל איבערראשונגען, אבער עס זענען פערהאן געוויסע סיבות, וואס ערקלערען דעם וואוקס פון די לינקע שטימען.

איידער די וואהלען אין פראנקרייך זענען בעשטימט געווארען איז דארט פארגעקומען א גרויסער קאמף וועגען דעם טערמין זייערען, די רעכטע האבען דווקא געשטרעבט דערצו, אז די וואהלען זאלען פארקומען נאך די וואהלען צום פרייסישען לאנדטאג. עס איז געווען פאראויסצוזעהען אז ביי די פרייסישע וואהלען וועלען ארויס אלס זיגער די נאציאנאל־סאציאליסטען און דעם דאזיגען מאמענט האבען די רעכטע געוואלט אויסנוצען, זיי האבען געוואלט האבען אין די הענד דעם אטוט אז אין דייטשלאנד קומען צו דער מאכט, מענשען מיט וועלכע עס איז אוממעגליך זיך צונויפצורעדען, אז די פאליטיק פון פערשטענדיגונג האט באנקראטירט, אז עס איז נויטיג א פאליטיק פון פעסטער האנד, אויף דער אינטערנאציאנאלער ארענע. אז די געבאטען, וועלכע עס האט איבערגעלאזט בריאן אין דער פאליטיק לגבי דייטשלאנד, זענען נישט אקטועל, די רעכטע האבען שפעקולירט אויף דעם איינדרוק, וועלכען עס וועט מאכען אויפ'ן פראנצויזישען וועהלער דער זיג פון די היטלעראוצעס, זיי זענען געווען זיכער, אז דער דאזיגער זיג וועט זיי, די רעכטע, געבען א שטארקען טריאומף אין די הענד.

דאגעגען די לינקע האבען געוואלט דורכאויס, אז די וואהלען זאלען פארקומען פאר די וואהלען אין פרייסען, רעכענענדיג אז דער אויסגאנג פון די פראנצויזישע וואהלען קאן האבען א ווירקונג אויף די דייטשע וועהלער, אפציהענדיג זיי פון די דעמאגאגישע לאזונגען פון די היטלעראוצעס.

די לעצטע וואהלען אין פראנקרייך, וואס זענען פארגעקומען אין יאהר 1928 זענען געגאנגען אונטער'ן לאזונג פון נאציאנאלער פאראייניגונג, וועלכען עס האט געווארפען פואנקארע, דעם דעמאלטיגע רעטער פון די פראנצויזישע פינאנצען, אט דער לאזונג איז אין יענער צייט געווען דער שטארקסטער און די וועהלער־מאסען זענען ווירקליך אין דער מעהרהייט געגאנגען נאך די רעכטע, די לינקע האבען דאן פיל פערלוירען.

אבער נישט געקוקט אויפ'ן זיג פון די עקסטרעמע גרופען אין פרייסען, האבען דא ביי די וואהלען אין פראנקרייך געווירקט אזעלכע מאמענטען, וואס האבען דערווייל יעדענפאלס געגעבען אן איבערגעוויכט די לינקע, דאס איז דער קריזיס וועלכער האט זיך אנגעהויבען פיהלען אויך אין פראנקרייך, די רעזערוו־פאנדען פון דער מלוכה זענען כמעט אויסגעשעפט. דער בודזשעט איז צונויפגעשטעלט מיט א דעפיציט, די ארבייטסלאזיגקייט אין לאנד וואקסט, דער מארגען איז גארנישט זיכער, דער דעפיציט דערגרייכט א סומע פון זיבען מיליארד פראנק.

דאס זענען אלץ מאמענטען, וואס האבען געווירקט אויף דער פסיכיק פון פראנצויזישען וועהלער, עס קומט אויך צו די פראגע פון דער אויסערליכער פאליטיק, וואו די ביזאיצטיגע רעגירונג האט נישט צו פערצייכענען קיין גאר גרויסע זיגען, די ווענדונג אין דער שטימונג פון וועהלער איז דעריבער פערשטענדליך. צי וועט די ווענדונג קומען צום אויסדרוק אין דער פולער מאס, דאס הייסט אויך ביי די ענטגילטיגע וואהלען פון קומענדיגען זונטאג, דאס וועט מען ערשט זעהען.

פ. ב.

**Dr. Z. Rakowski**

ספעציאליסט פאר אויערען־, נאז־, האלז־
און לונגען־קראנקהייטען

**11־טען ליסטאפאד 9**

קאנסטאנטינער טעלעפאן 127־81

ספרעכשטונדען פון 12—2 און פון 5—7. נעמט אויך אן
אין לעטשניצע נגעוושקער 17 פון 10 — 11

# פראפ. סאמאילאוויטש אין פויל־ען

## א געשפרעך מיט'ן בעריהמטען פאלאר־פארשער וועגען מצב פון דער וויסענשאפט אין סאוועט־רוסלאנד

אין פוילען געפינט זיך איצט אלס גאסט פון דער פוילישער געאגראפישער געזעלשאפט דער בעריהמטער סאוויעטישער געלעהרטער און פאלאר־פארשער, פראפ. סאמאילאוויטש.

פראפ. סאמאילאוויטש (א ייד) וועלכער ארבייט אויפ'ן וויסענשאפטליכען געביט שוין צעהנדליגער יאהרען און האט אנטייל־גענומען אין פיל עקספעדיציעס אין די פאלאר־לענדער, האט זיך בעזונדערס בעריהמט געמאכט אלס רעטער פון דער עקספעדיציע פון איטאליענישען גענעראל אבילע. סאמאילאוויטש איז דעמאלט געשטאנען אן דער שפיץ פון דער רעטונגס־עקספעדיציע, וועלכע די סאוויעטען־רעגירונג האט ארויסגעשיקט מיט די שיפען „קראסין" און „מאליגין". סאמאילאוויטש איז אויך געווען דער וויסענשאפטליכער לייטער פון דער פאלאר־רייזע, וועלכע עס האט דורכגעפיהרט די דייטשע לופט־שיף „גראף צעפעלין".

איצט האלט סאמאילאוויטש פארלעזונגען וועגען זיינע פארשונגען אין די פאלאר־געביטען אין פערשידענע שטעט פון פוילען. די זשורנאליסטען פון די שטעט, וועלכע דער געלעהרטער בעזוכט, מיידען נאטירליך נישט אויס די געלעגענהייט צו נעהמען אינטערוויאוען מיט דעם פאפולערען געלעהרטען. מיר ברענגען דא אן אויסצוג פון געשפרעך, וועלכען עס האט געהאט מיט פראפ. סאמאילאוויטש דער פערטרעטער פון א קראקעווער צייטונג. אויף דער פראגע וועגען דער אלגעמיינער וויסענשאפטליכער בעוועגונג אין רוסלאנד האט סאמאילאוויטש געענטפערט:

— אויב עס האנדעלט זיך וועגען מיין געביט, וועגען געאלאגיע, מוז איך פעסטשטעלען אן אויסערגעוועהנליכע ענטוויקלונג. מיר האבען אן ערך 1000 געאלאגען, וועלכע פערנעהמען וויכטיגע מלוכה־פאסטענס. זיי זענען צוזייעט איבער דער גאנצער טעריטאריע פון סאוויעטען פערבאנד און קאנען אנווייזען אויף זעהר ערנסטע דערגרייכונגען אויפ'ן וויסענשאפטליכען געביט.

— ווי אזוי איז ארגאניזירט די סאוויעטישע וויסענשאפט?

— אונזער וויסענשאפטליכע בעוועגונג, האט אויף דער פראגע געענטפערט פראפ. סאמאילאוויטש, קאנצענטרירט זיך אין די אוניווערזיטעטען, ביי וועלכע עס זענען טעטיג א רייהע ספעציעלע אינסטיטוטען. מיר האבען א שטיינער אין לענינגראד א זעהר ערנסטען גאא־כעמישען אינסטיטוט, א פיזיאלאגישען אינסטיטוט, וועלכער ווערט אנגעפיהרט דורך דעם בעריהמטען געלעהרטען פראפ. פאוולאוו און א רייהע אנדערע. א חוץ דעם איז פערהאן די רוסישע וויסענשאפטליכע אקאדעמיע אין לענינגראד, די ווייסרוסישע אין מינסק און די אוקראינישע אין קיעוו.

— זייט איהר א מיטגליד פון דער אקאדעמיע?

— ניין.

— זייט איהר א מיטגליד פון דער קאמוניסטישער פארטיי?

— ניין, איך בין אן אונפארטייאישער.

— צי זענען די געלעהרטע צוליב זייער אונפארטייאישקייט נישט אויסגעשטעלט אויף געוויסע אונאנגענעהמליכקייטען?

— אבסאלוט נישט. בלויז בראש פון די אינסטיטוטען שטעהען פארטייאישע מענשען, אבער מיטגלידער זענען צומייסטענס אונפארטייאישע געלעהרטע. און עס פאסירט נישט. אז עמיצער זאל צוליב דעם האבען, וועלכע עס איז נישט אונאנגענעהמליכקייטען. איין זאך איז וויסענשאפט און עפעס אנדערש איז פאליטיק.

— ווי איז די מאטעריעלע לאגע פון די סאוויעטישע געלעהרטע?

— לעצטענס האט זי זיך בעדייטענד פערבעסערט. בעזונדערס פערבעסערט האבען זיך די וואוינונגס־בעדינגונגען. אין מאסקווע זענען אויס געבויט געווארען א רייה געביידעס, ספעציעל פאר געלעהרטע, ס"ה 11,000 וואוינונגען. אין לענינגראד האט מען אויסגעבויט 3000 וואוינונגען פאר געלעהרטע, אין כארקאוו 1000.

— צי האט מען אין די ראהמען פון דער פיאטילעטקע ארויפגעלעגט עפעס ספעציעלע אויפגאבע; אויף די געלעהרטע?

— די פיאטילעטקע נעהמט נאטירליך ארום אויך דעם געביט פון דער וויסענאפט. אונזער אויפגאבע איז אלצדינג צו שטויסען פאראויס, צו זארגען פאר דער ענטוויקלונג פון יעדער בעזונדערער צווייג פון דער וויסענשאפט. און יעדער פון אונז בעמיהט זיך דאס צו טון לויט זיינע כוחות און מעגליכקייטען.

אויף דער פראגע וועגען זיינע ווייטערדיגע פלענער האט פראפ. סאמאילאוויטש געענטפערט, אז עס ווערט איצט געפלאנט א גרויסע עקספעדיציע ביי די צפון־ברעגעס פון סיביר, פון ארכאנגעלסק ביז וולאדיוואסטאק.

סאמאילאוויטש גלויבט אין דער מעגליכקייט צו קאלאניזירען די פאלארע לענדער, ווייל ער האלט, אז דער קלימאט אין די לענדער איז זעהר א געזונדער און מען קאן זיך לייכט צו איהם צו געוואוינען.

# דאס גרויסע וואונדער

## יודען פרעהען זיך און טאנצען אין די גאסען

ד"ר א. מוקדוני בעשרייבט אין „מארגען־זשורנאל" זיינע איינדרוקען פון תל־אביב אין פאלגענדע בעגייסטערטע ווערטער.

דריי טעג און דריי נעכט האט געהילכט מונטערע, פרעהליכער און התלהבות'דיגער געזאנג אין תל־אביב.

דריי טעג און דריי נעכט האט מען געטאנצט מיט ברען און ליכטיגער פרייד אין די גאסען פון תל־אביב.

א גרויסע, ליכטיגע פרייד האט ארומגעכאפט די נייאינקע, ווייסע, מונטערע און קאכיגע יודישע שטאדט.

א גרויסע מאסע, א יודישע מאסע פון צענדליגער טויזענדער האט ממש געלויכטען און געשיינט פון כשר'ער, יום טוב'דיגער פרייד.

איך האב געקוקט און נישט געגלויבט מיינע אויגען.

איך האב געזעהען גרויסע יודישע מאסען אויף לויות, איך האב געזעהען גרויסע יודישע מאסען אין פראטעסט געגען יודישע צרות און אומגליקען, איך האב געזעהען גרויסע יודישע מאסען אין פערצווייפלונג און פערביטערונג.

איך האב אבער קיינמאל נישט געזעהען גרויסע יודישע מאסען, מאסען פון פיל צענדליגער טויזענדער אין פרייד, אין גרויסער, פערכאפענדיגער און ליכטיגער פרייד.

איך האב צום ערשטען מאל געזעהען דעם דאזיגען גרויסען וואונדער.

און די אלטע, וויינענדיגע יודישע געשיכטע זעהט עס אויך, מסתמא, צום ערשטען מאל.

יודישע פרייד, עכטע, אמת'ע יודישע פרייד, דאס איז דאך דער גרעסטער וואונדער אין אונזער צייט, אין אונזער צייט וואס איז פול מיט יאמער און צער...

איך בין ארומגעגאנגען אין די גאסען, געקוקט די טאנצענדיגע און זינגענדיגע יודען אין די אויגען אריין, אפשר איז עס בעמאכטע פרייד, אפשר איז עס פרייד וואס בעהאלט א הייסע טרער; אפשר איז עס געזאנג וואס פערשפרייט א טיפען זיפץ און א שארפען צער פון דער וועלט.

זאל די שלעכטע, מיאוס'ע וועלט צופוקעט ווערען, זי וועט נישט זעהען אויף א יודישען פנים א טרער רינען...

אבער, ניין. אין אלע אויגען פלאמט אמת'ע, עכטע פרייד, אין אלע גלידער רוישט און בריזט אמת'ע פרייד.

אמת'ע פרייד גיסט זיך איבער דער נייער, צאפלדיגער יודישער שטאט.

עכטע פרייד זינגט עס און טאנצט.

און ווען איהר וועט זיין בלויז עטליכע טעג אין תל־אביב וועט איהר פערשטעהן די פרייד.

דארט איז יעדע שעה א פרייד. בויט איינער אויס א ניי הויז אין תל־אביב, פרייען זיך אלע פרעמדע, עס פרייט זיך אפילו דער וואס האט נישט קיין דאך איבער'ן קאפ.

אט געהט מיט מיר ביאליק און בעווייזט מיר מיט גרויס פרייד עטליכע נייע הייזער. ער בעריהמט זיך מיט זיי, ער גלעט זיי מיט זיינע ליכטיגע, ווארימע אויגען, אזוי ווי זיי וואלטען געווען זיינע אייגענע.

און ווען מיר גייען אפ, דערמאנט ער זיך פלוצלינג, אז ער האט מיר פערגעסען צו ווייזען דעם גארטען פון א הויז.

און ביים פרעמדען גארטען שטעהט דער דיכטער און נחת'ס.

---

און נאך עפעס:

גרויס און טיף גלויבען איז אלע מאל א גרויסער קוואל פון פרייד.

דא האב איך געזעהען גרויסע גלויביגע מענשען.

דא האב איך געזעהען מענשען מיט גרויסען בטחון.

דא האב איך געזעהען מענשען מיט אייזערנער זיכערקייט.

דא האב איך געזעהען מענשען מיט ווילענס, וואס קענען די וועלט איבערקעהרען.

און פון די דאזיגע מענשען שטראמט עס ארויס די גרויסע פרייד.

איך וואלט געוואונשען יעדען יודען צו זעהן די גרויסע, נייע יודישע פרייד, וואס רייסט זיך ארויס מיט אזא אימפעט פון יידישע הערצער.

ווען איך בין געווען נאך א יונגער יודישער זשורנאליסט, האב איך געפרעדיגט קאמף געגען דער יודישער מרה־שחורה, איך האב געוואלט מתיר זיין אפילו אביסעל הפקר'דיגע, אביסעלע נארישע פרייד און אפילו אביסעלע הזקר'דיגע פרייד.

יודען דארף מען פערגינען אביסעלע פרייד, אפילו נישט קיין סאמע כשר'ע, אפילו נישט קיין סאמע פרומע פרייד.

מיין פרעדיגען, פערשטעהט זיך, האט קיין פעולה נישט געהאט.

איך האב אפנים נישט פערשטאנען, אז פרייד, ווי טרויער, מוז האבען זייערע טיפע סיבות; איך האב אפנים נישט פערשטאנען, אז פרייד איז פערבונדען מיט טיפען גלויבען, מיט קאמף און מיט נצחונות.

איז דאס, וואס איך האב אמאל אזוי הייס געפרעדיגט אהן קיין שום רעזולטאטען, האב איך דערזעהן אין תל־אביב.

איך האב דערזעהן יודישע פרייד, איך האב דערזעהן. אז די מרה־שחורה, געגען וועלכע איך האב געקעמפט, איז פערשוואונדען געווארען.

ליכטיגע יודישע פרייד, ווער קאן זי אפשאצען!

און וואס פאר א וואונדערליכע יודישע מאסע איך האב דא דערזעהן!

א מאסע, וואס קאן זיך קלוג און פיין וויילען.

די דאזיגע וואונדערליכע יודישע מאסע קאן זיך אליין וויילען בעסער ווי די קינסטלער, וואס האבען זיך אריינגעמישט אין יום־טוב, קענען זיי וויילען.

אזא מאסע דארף האבען גרויסע קינסטלער, קינסטלער מיט גרויסען פארנעהם, וואס זאלען אנפיהרען מיט איהר און זי בעגייסטערן.

די קינסטלער פון תל־אביב האבען געוואלט דער פרייד געבען א געוויסע ריכטונג, האט אבער די פרייד זיך א לאז געטון מיט אזא אימפעט, אז די קינסטלערישע טייטל איז ארויסגעפאלען ביי די קינסטלער פון האנד.

דא וואו די מאסע האט זיך אליין געוויילט, וואו זי האט אליין געזונגען און אליין געטאנצט, איז געווען אמת'ע פרייד און אויך טאקע קינסטלערישע פאלקס־שאפונג. פשוט'ע געזונטע פאלקס־שאפונג.

די יונגע בחורים, די יונגע מיידלעך פון ארץ־ישראל פערמאגען אזויפיל ברויזענדיגע פרייד, אז זיי דארפען גארנישט קיין קינסטלער צו סימולירען די פרייד...

אך, זענען דאס בחורים און מיידלעך!

אויף אזעלכע פלייצעס און אויף אזעלכע ברויזענדיגע הערצער קען מען עפעס בויען!

איך ווייס נישט קיין גרעסערן, קיין טיפערן און פערכאפענדיגערן ספעקטאקל, ווי ווען די דאזיגע בחורים און מיידלעך לייגען אוועק די הענד איינע די אנדערע אויף די פלייצעס און לאזען זיך אוועק אין א ברענענדיגען טאנץ.

וועלכער גרויסער, גאט־געבענטשטער קינסטלער איז ביכולת צו שאפען עפעס [illegible]

# חתונה און ליבע אין סאָוויעט־רוסלאַנד

## פרייע ליבע עקזיסטירט. אבער הייראט איז נישט קיין הפקר־זאַך. — א שווערליכער מארד צוליב איפערזוכט. — אַן אינטערעסאַנטער ראָמאַן צווישן אַ רוסיש מיידעל און אַנ׳אַמעריקאַנער אינזשיניער

### פון אַלעקסאַנדער זילבערשטאַט

ווי עס איז דער שטייגער אין רוסלאַנד, אַרבייטען געוועהנליך אי דער מאַן, אי די פרוי. זיי אַרבייטען, פערשטעהט זיך, אין פערשידענע אַנשטאַלטען, ביידע האָבען פערשידענע טעג פריי. דעם מאַנס פרייער טאָג פאַלט אויס מאָנטאָג, און זיין פרויס — דאָנערשטאָג. זיי קענען, אַלזאָ צוזאַמען נישט געהן פערברענגען, יעדער געהט זיך זיין וועג, דער מאַן האָט זיך זיינע פריינט, וועמען ער זעהט, און די פרוי — איהרע. איינער פרעגט נישט דעם צווייטען וואו מען געהט, וועמען מען זעהט.

אין דעם נייעם דור פון סאָוויעט־רוסלאַנד טוט מען אַלץ אין דער וועלט, אום איבגאַנצען אויסצוּוואָרצלען דעם געפיהל פון איפערזוכט אין די בעציהונגען צווישען מאַן און פרוי.

מען האַלט אָבער אין רוסלאַנד אויך נישט פון צופיל ליבע, אָדער, ריכטיגער געזאָגט, פון רעדען אַ סך און אויסגיסען פאַר׳ן צווייטען די ליבע־געפיהלען.

און נישט נאָר האַלטען פון דעם נישט די זייטיגע, פרעמדע, נאָר אויך די, אויף וועמען די דאָזיגע געפיהלען זענען געווענדעט.

זאָל אַ יונגערמאַן אָנהויבען ערקלערען אַ מיידעל, אַז ער האָט זי ליב, ווי דאָס לעבען, אַז זי איז פאַר איהם די זונענשיין, אַז ער קאָן אָהן איהר נישט לעבען, אַז זי... אַז ער... און איהר מעגט זיכער זיין, אַז דאָס מיידעל אויב זי איז נאָר פון דעם אמת־קאָמוניסטישען שניט, וועט איהם נישט לאָזען לאַנג רעדען, זי וועט איהם פלוצלונג איבעררייסען זיינע קעלבערנע התפעלות מיט די ווערטער: „איך האָב גאָר קיינמאָל נישט געוואוסט, אַז דו ביזט אַזאַ געוואַלדיגער אידיאָט! זונענשיין? ווער, מיינסטו בין איך עפּעס, אַ ציג?“

זי גיט איהם שוין די אמת׳ע גאָב, אַז ער וועט פערזאָגען אַ צעהנטען מיט ליבעס־ערקלערונגען.

דאָס מיינט אָבער נישט, אַז דאָס מיידעל האָט איהם נישט ליב.

ליב האָבען איינער דעם אַנדערען איז כשר, אָבער אָהן דער היסטעריקע, פון שווערען צו בלייבען אייביג געטריי, פון מאַכען נאַרישע פערגלייכען, רעדען נאַרישע פראַזען.

איך האָב אין רוסלאַנד געפרעגט אַ יונגער פרוי, זעהר אַ שעהנע, וואָס איז ערשט אַ מאָנאַטען צעהן פערהייראַט:

— ווי איז דאָס געשעהן צווישען אייך און אייער מאַן?

— ווי איז וואָס געשעהן צווישען אייך און פערשטאַנען.

— ווי האָט איהר זיך פערליבט איינער אין דעם צווייטען און דאַן געהייראַט?

— ווי? זעהר איינפאַך, ווי איהר ווייסט, לערנען מיר זיך דאָ אין רוסלאַנד אין די שולען יונגלעך און מיידלעך צוזאַמען. מען ווייס נישט, ווי אַזוי יעדענפאַלס, בעמערקט מען נישט, ווען עס הויבט זיך אָן, נאָר מען ווערט צוגעבונדען צו איינעם מעהר, ווי צו אַנ׳אַנדערען, דאָס איז דער אָנהויב, אַזוי צו זאָגען, דאַן בעזוכט מען דעם אוניווערזיטעט צוזאַמען, ביי יענער צייט איז מען שוין פיזיש מעהר ענטוויקעלט און עס איז ביי אונז אַ נאַטירליכע זאַך צו לעבען איינער מיט דעם אַנדערען, ווי מאַן און פרוי. געענדיגט דעם אוניווערזיטעט הויבען מיר אָן צו אַרבייטען. אין די מעהרסטע פאַלען פאָהרען מיר אַרויס ערגעץ אויף די גרויסע פאַבריקען, ווייט אין רוסלאַנד, און דאָרטען בעשליסען דער יונגערמאַן און דאָס מיידעל, אויב זיי ווילען זיך פערשרייבען אַלס מאַן און פרוי, אָדער זיי זעהען זיך אַרום, אַז זיי זענען שוין דערעסען געוואָרען איינער דעם צווייטען, און מען געהט זיך פונאַנדער.

עס טרעפט נישט זעלטען, אַז די אמת׳ע אורזאַך פון זייער פונאַנדערגעהען זיך איז דער פאַקט, וואָס ער האָט אָנגעהאָפען אַנ׳אַנדער מיידעל, וועלכע געפעהלט איהם בעסער, אָדער זי האָט בעגעגענט אַנ׳אַנדער מאַן, צו וועלכען עס ציהט זי.

וואָס קען זיין איינפאַכער?

דאָס בעדייט אָבער נאָך ווייט נישט, אַז דאָס ווערט טאַקע אַזוי לייכט געטאָן, ווי לייכט מען רעדט וועגען דעם. עס קומען פאָר אין רוסלאַנד, ווי אומעטום אויף דער וועלט געגנוג דראַמעס, אַמאָל אויך טראַגעדיעס, צוליב ליבע, און עס פעהלען אַפילו נישט אויס קיין מאָרדען.

ווען איך בין געווען אין מאָסקווע, האָט דאָרט פאַסירט איינע פון די שרעקליכסטע זאַכען, וואָס איך האָב ווען געהערט.

אַ פערהייראַטע פרוי, שוין אין די מיטעלע יאָהרען, וואָס האָט אָפגעלעבט מיט איהר מאַן אַ וואָסערע צוועלף־פופצעהן יאָהר, האָט זיך פלוצלונג דערוואוסט אַז איהר מאַן פיהרט אַ ליבע מיט אַ יונגער, שעהנער מיידעל, וואָס האָט געאַרבייט אין דעם אַנשטאַלט, וואו ער איז געווען אָנגעשטעלט.

נו, איז וואָס? נאָך די דיבים פון ליבע אין קאָמוניסטישען רוסלאַנד, האָט די פרוי, אייגענטליך, געדאַרפט שווייגען, וואָס פאַר אַ טענות קען זי דען האָבען? ער האָט ליב אַנ׳אַנדערע, קען זי איהם דען צווינגען אויפצוגעבען די אַנדערע?

די דאָזיגע פרוי האָט אָבער געהאַט צופיל טעמפעראַמענט און די פרוי אין איהר איז געווען פיל שטאַרקער פון אַלע קאָמוניסטישע טעאָריעס, אַ פייער האָט זיך צוברענט ביי איהר אין האַרצען, פלאַמען פון אייפערזוכט האָבען געברענט פאַר איהרע אויגען, זי האָט געדורשט נאָך נקמה.

שפעט ביינאַכט, ווען איהר מאַן איז געשלאָפען אין דער היים, האָט זי איהם מיט אַ האַקמעסער הרגעט, אָפגעשניטען זיין קאָפּ, אַריינגעלעגט עס צוערשט אין אַ זאַק, און דערנאָך אין אַ קליינעם טשעמאָדאַן, און האָט זיך אויף מאָרגען אַריינגעזעצט אין אַמניבוס, מיט׳ן טשעמאָדאַן אין די הענט, צו פאָהרען צו דער אַנדער פרוי — אָט וועט זי איהר ווייזען, וואָס פון איהר געליבטען איז געבליבען!..

מענשען אין אָמניבוס האָבען דערוויל דערזעהען, אַז עס רינט פון ערגעץ בלוט. מען האָט אָנגעהויבען זוכען און עס האָט זיך באַלד אַרויסגעשטעלט, אַז דאָס בלוט קומט פון דעם טשעמאָדאַן, וואָס די פרוי האָט געהאַלטען אין איהרע הענט.

מען האָט די פרוי ,פערשטעהט זיך, אַרעסטירט, און דערנאָך געמשפט.

אַזעלכע ערשיינונגען זענען אָבער אַנ׳אויסנאַהם.

געוועהנליך, ווייס די פרוי אָפט וועגען דעם, אַז איהר מאַן האָט נאָך אַ פרוי, און זי טוט איינס פון די ביידע: אָדער זי שווייגט און האָפט, אַז איהר מאַן וועט מיט דער צייט אָפּגעקיהלט ווערען צו דער אַנדערער, און וועט ווידער זיין איהרער, אָדער זי וועט אַוועקגעהן פון דעם מאַן, אָהן סקאַנדאַלען, אָהן טראַגעדיעס.

דאָס אינטערעסאַנטסטע אָבער, אין דער בעציהונג צווישען די געשלעכטער אין סאָוויעט־רוסלאַנד איז אָהן צווייפעל דאָס ערשטע געפיהל פון ליבע.

מיר איז צופעליגערהייט אויסגעקומען אויף מיין איצטיגען בעזוך אין סאָוויעט־רוסלאַנד צו זיין אַ נאָהענטער עדות פון צוויי מענשען, ביי וועלכע דאָס דאָזיגע געפיהל האָט זיך ענטוויקעלט.

אויף מיין וועג קיין רוסלאַנד האָב איך זיך אין בערלין בעקענט מיט אַ יונגען אַמעריקאַנער אינזשיניער, וואָס איז געפאָהרען קיין מאָסקווע.

ער איז געווען אַ ה׳ויכער, געזונטער, שעהנער יונגערמאַן, פון דער אַמעריקאַנער וועסט.

ער איז געווען זעהר ווייט פון אַלע מינים טעאָריעס, פאַר איהם איז דאָס לעבען געווען טייער און זיס, ווי עס איז איצט.

מיר האָבען זיך זעהר שטאַרק בעפריינדעט און זענען שוין געפאָהרען צוזאַמען. אָנקומענדיג אין מאָסקווע, האָבען מיר זיך צוזאַמען אָפגעשטעלט אין דעמזעלביגען האָטעל.

די איבערזעצערין, וואָס די רעגירונג האָט איהם צוגעשטעלט איז געווען אַ זעהר שעהנע בלאָנדינקע אַ קאָפּ צושויבערטע גאָלדענע האָר, אַנ׳אידעלען גלייכען פנים, זעהר אַ שעהנעם, גראַציעזען גאַנג, און געטאַקטע ווייסע ציינער און ליפען, וואָס האָבען זיך ממש געבעטען צום קושען.

אין דער צייט, וואָס די איבערזעצערין פלעגט אונז מיט התפעלות געבען אַלע מינים ערקלערונגען וועגען אַלץ, וואָס מיר האָבען געזעהען, פלעגט מיין אַמעריקאַנער זי שטילערהייט בעהמען פאַר דער האַנט און זאָגען, אַז זי איז שעהן, אַז ווען די וואָלט געווען אין אַמעריקע וואָלטען זיך מענער געריסען צוליב איהר.

די איבערזעצערין פלעגט מיט צאָרן אַרויסרייסען איהר האַנט: „ביי אונז געהען נישט אַזעלכע שטיק! אַלע אַמעריקאַנער האָבען אַ מאָדנע טבע, צו רעדען מיט די הענט, נאָר זיי כאַפּען פאַר די הענט“.

צו מאַכען די מעשה קורץ, מיין אַמעריקאַנער האָט זיך פערליבט אין מיידעל, דאָס איז אָבער געווען גאָרנישט אין פערגלייך מיט דעם, וואָס זי האָט זיך פערליבט אין איהם. זי האָט זיך שוין געהערט צו שעהמען, פאַר מיר, פלעגט האַלטען זיינע הענט אין איהרע הענט, קוקען אויף איהם מיט פערליבטע אויגען און ווידערהאָלען אַז זי ווייסט גאָר נישט וואָס עס וועט זיין מיט איהר, ווען ער וועט אָפפאָהרען, זי האָט גאַנץ גוט געוואוסט אַז ער איז אַ פערהייראַטער מאַן, אַז ער האָט אין אַמעריקע אַ פרוי און קינדער. זי האָט אָבער געטענהט אַז זי וויל פון איהם גאָרנישט ,אַז זי דאַרף פון איהם גאָרנישט, נאָר זעהען איהם.

מיין אַמעריקאַנער האָט אָנגעהויבען צו ווערען גאַנץ נישקשהדיג בעזאָרגט וועגען דער לאַגע, וואָס זאָל ער טון? ער האָט טאַקע בעשלאָסען, אַז דאָס בעסטע איז, ער זאָל איבערהאַקען דעם פלאַנטער גלייך אין אָנהויב און אַוועקפאָהרען.

ווען ער האָט איהר געזאָגט וועגען דעם, איז זי געוואָרען בלייך, ווי די וואַנט, ביין, נאָר נישט ד׳אָס, ער מוז נאָך דאָ פערבלייבען אַ שטיקעל צייט.

דעם לעצטען טאָג איז ער אַריינגעקומען צו מיר אַנ׳אויפגערעגטער און האָט מיר געזאָגט, אַז דאָס מיידעל וויל נישט אַנדערש ווי נאָר קומען צו איהם אין זיין צימער, די לעצטע נאַכט, וואָס ער פערברענגט אין רוסלאַנד. ער האָט איהר נישט געקענט אָפזאָגען, און איצטער ווייסט ער גאָרנישט אויף וואָס פאַר אַ וועלט ער איז. ער וויל דאָס מיידעל נישט מאַכען אומגליקליך, און ער וויל זיין עהרליך מיט זיך אַליין. אַז ער האָט געהאַלטען ביים אַוועקגעהן, האָט ער זיך פלוצלונג אָפגעשטעלט אין טיר און פערשעהמטערהייט מיך געבעטען, איך זאָל אויב איך קען, היינט אין אָוענט נישט בלייבען אין דער היים, דאָס מיידעל שעהמט זיך אַרויסצוגעהן אין האָטעל, מורא האָבענדיג אַז זי קען מיך פלוצלונג אָנטרעפען דאָרטען.

איך בין אַוועק פון האָטעל און זיך אומגעקעהרט זעהר שפעט ביינאַכט, אויף מאָרגען בין איך געפאָהרען בעגלייטען מיין אַמעריקאַנער צום וואָקזאַל. ס׳מיידעל איז, פערשטעהט זיך, אויך געווען מיט אונז, איהרע אויגען זענען געווען פערוויינט, זי איז געזעסען צוגעטוליעט צו מיין פריינד, און איך האָב געהאַט דעם געפיהל, אַז עס וואָלט איהר איצטער נישט אויסגעמאַכט ווען די גאַנצע וועלט זעהט זי זיי־צענדיג אָט אַזוי, זי האָט איצטער פאַר קיינעם קיין מורא נישט געהאַט.

אויפ׳ן וואָקזאַל האָט מיין פריינד אויסגענוצט אַ מאָמענט ,ווען זי איז נישט געווען מיט אונז, און האָט פאַר מיר אויסגערעדט זיין שווערע האַרץ: ער וועט די נאַכט פון נעכטען געדענקען זיין גאַנץ לעבען. זי האָט זיך ביי איהם געבעטען, האָט גע־פאָדערט פון איהם, אַז ער זאָל זי נעהמען, ער זאָל גאָרנישט טראַכטען וועגען די מעגליכע פאָלגען. אין רוסלאַנד איז נישט קיין שאַנדע פאַר אַ מיידעל צו האָבען אַ קינד, און זי וויל עס טאַקע. דאָס וועט זיין איהר גרעסטער גליק, זי וועט זאָרגען פאַר׳ן קינד אויפ׳ן בעסטען אופן. און יעדעס מאָל, ווען זי וועט אויף איהם קוקען, וועט זי פיהלען אַז זי האָט אין איהר לעבען געטראָפען דעם איינציגען מאַן, וועלכען זי האָט ליב געהאַט.

מיין אַמעריקאַנער אָבער האָט געהאַלטען צו־שטאַרק פון עהרליכקייט, און ער איז געשטאַנען געווען צו ווערען זיך קעגען איהר ליבע צו איהם.

ביים געזעגענען זיך מיט איהם, האָט זי געוויינט ווי אַ קליין קינד, האָט איהם געהאַלטען אין אייך קושען, האָט געקושט זיינע הענט, און שטיל אַרויסגערעדט עטליכע מאָל: „מיין גליק פערשווינדט פון מיר!“

עטליכע אויסלענדער וואָס זענען געווען אויפ׳ן וואָקזאַל און האָבען צוגעזעהן די דאָזיגע סצענע, האָבען מיר געזאָגט: „דאָס איז פאַר אונז קיין בייאָס נישט. עס פאַסירט כמעט מיט יעדען איינציגען פון אונז, וואָס בלייבט דאָ אַ פאַר יאָהר“.

דער נייער דייטשער צווי־שטאָקיגער ריזען ־ עראָפּלאַן ד. 2500.

# אַגעהיימער פעראיין פון מענער,

## וואָס ליגען ביי זייערע ווייבער אונטער׳ן פאַנטאָפעל

**דער פעראיין עקזיסטירט שוין אַ לענגערע צייט אין ענגלאַנד, און עס געהערען צו איהם אנגעזעהענע מענשען. — די קאָנסטיטוציע פונ׳ם פעראיין פון מענער־לעמעשפעס זאָגט, אַז אדם הראשון איז געווען דער ערשטער „פאַנטאָפעל־מאַן“**

עס זענען דאָ אויף דער וועלט פערשידענע געהיימע קלובען חברות, אָדער פעראיינען, וואָס ווילען, אַז מען זאָל וואָס ווייניגער וויסען פון זיי. אָבער אַזאַ געהיימע חברה, ווי די „מענער, וואָס ליגען אונטער דער ווייב׳ס פאַנטאָפעל“ געפינט מען נאָר אין ענגלאַנד.

אין דעם פערבאַנד פון „פאַנטאָפעל־מענער“ קענען אַריינגעהען נאָר אַזעלכע וואָס בעווייזען, אַז נאָר ביי זיך אינדערהיים ליגען זיי צעהן קלאַפטער אין דער ערד, אָבער אויסער זייער היים זעהען זיי פעהיגע, מוטיגע, שטרענגע און ערפאָלגרייכע מענער. איינער, וואָס איז גלאַט אַ שלימזל מעזאַלניק, און וואָס לאָזט זיך פון אַלעמען רייטען אויפ׳ן קאָפּ. און פון זיין ווייב אויך, ווערט נישט אַריינגענומען. דער קאַנדידאַט דאַרף זיין אַ פערזענליכקייט, וואָס שפּילט אַ ראָלע, וואָס ווערט רעספּעקטירט און מען הערט זיך צו זיין וואָרט אויס מורא, אויב נישט אויס רעספּעקט, און נאָר ביי זיי אינדערהיים האָט ער מורא אַ וואָרט אַרויסצורעדען, ווייל ער וועט כאַפּען אַ שוואַרצען סוף פון זיין ווייב.

דער קאַנדידאַט מוז אויך זיין צעהן יאָהר פערהייראַט. די קאָנסטיטוציע פון אָט די חברה זאָגט, אַז דורך די ערשטע צעהן יאָהר פון פערהייראַטען לעבען מיט אַנ׳אַרורה אַ ווייב, איז זעהר מעגליך, אַז ביים מאַן זאָל פּלאַצען אָדער די גאַל, אָדער דאָס געדולד. אויב אַזאַ זאַך געשעהט, איז דער בעטרעפענדער מאַן נישט ווערט צו זיין אַ מיטגליד. קוים האָט אָבער איינער אָפּגעלעבט מיט אַ יאַזשליוּער ווייב צעהן יאָהר נאָכאַנאַנד, און עס האָט ביי איהם נישט געפּלאַצט נישט די גאַל און נישט דאָס געדולד, קען מען שוין מיט איהם זיכער זיין, אַז עס וועט מיט איהם גאָר נישט פאַסירען, און מען נעהמט איהם אַריין אין דער חברה „פאַנטאָפעל־מענער“.

אַנ׳אַלמן אָדער אַ געט׳ער קען אויך נישט ווערען קיין מיטגליד, ווייל חברה האַלט, אַז אויב מען האָט געקענט פטור ווערען פון זיין ערשטע־ ווייב. „האָט ער שוין איבערגעריסען די קייט פון שקלאַפעריי“ און ווען איינער איז קליין־געוויקסיג, דאַר און פון אַ שוואַכען אויסזעהען, און ער האָט אַ שעהנע, שטאַרקע, געזונדטע ווייב, קען ער אויך נישט ווערען קיין מיטגליד. די קאָנסטיטוציע זאָגט, אַז אין אַזאַ פאַל איז גאַנץ נאַטירליך, אַז אַזאַ מאַן זאָל ליגען ביי אַזאַ ווייב אונטער׳ן פאַנטאָפעל. אָבער ווען עס איז פערקעהרט, דער מאַן איז אַ שעהנער, אַ געזונדטער און אַ קרעפטיגער, און ער האָט אַ ווייב אַ „פעפעריל“, קליין, שוואַרץ און ביטער און ער ציטערט פאַר איהר און לאָזט זיך פון איהר יאַדען, איז אַזאַ מענש אַ געווינשטער מיטגליד און ער קען האָפען צו דערגרייכען דעם העכסטען אמט אין דער חברה.

פאַר וואָס דאָס איז אַזוי, אַז גראַד מענשען, וואָס שפּילען אַ גרויסע ראָלע, זאָלען ליגען ביי זייערע ווייבער אונטערן פאַנטאָפעל, און פערקעהרט, שלימזאַלניקעס, וואָס טויגען נישט אַ קאַץ אַנ׳עק צו פערבינדען, זאָלען זיין גאַנצע העלדען און קנאַקערס ביי זיך אינדערהיים — דאָס ערקלערט נישט די קאָנסטיטוציע, עס ווערט פעסטגעשטעלט דער פאַקט, אַז אַזוי איז עס נאָך פון אדם הראשון׳ס צייטען. כאָטש אדם איז געווען איין מאַן איבער דער גאַנצער וועלט. דאָך איז ער שוין געלעגען ביי איהר אונטערן פאַנטאָפעל. ער האָט געמוזט עסען, וואָס זי האָט איהם געגעבען און ווען זי האָט איהם געגעבען. ער האָט געמוזט טון, וואָס זי האָט געוואָלט. און אַפילו גאָט אַליין האָט איהם נישט געקענט העלפען.

יעדער מיטגליד מוז קומען צו דער יעהרליכער פערזאַמלונג אָהן זיין ווייבס ווייסען.

אַזוי קומען זיי זיך צוזאַמען דעם טאָג אויף אַ בעשטימטען איינזאַמען פלאַץ, אויף דער פרייער נאַטור, און רעדען זיך אויס די הערצער איינע פאַר די אַנדערע. די, וואָס ווילען, דערצעהלען, וועלכע מיטלען זיי האָבען בענוצט, וועלכע ליגענס זיי האָבען געזאָגט זייערע ווייבער, און וועלכע תירוצים זיי האָבען געמוזט געפינען, אידער עס איז זיי געלונגען אַוועקצוגעהען פאַר׳ן טאָג. די, וואָס ווילען נישט, זענען נישט געצוואונגען אויסצוזאָגען דעם סוד, ווי זיי האָבען אָפּגענאַרט זייערע „ווייבער“, אָבער איין זאַך צווינגט די קאָנסטיטוציע יעדען מיטגליד צו טון, דאָס איז: צו דערצעהלען אַזוי קורץ ווי מעגליך די וויכטיגסטע ערפאַהרונגען פון פערגאַנגענעם יאָהר, אַלס „פאַנטאָפעל־מאַן“, אויב די לאַגע אין זיין פאַמיליען־לעבען איז בעסער אָדער ערגער געוואָרען, און אויב ערגער, אין וואָס עס בעשטעהען די פערערגערונג, און וואָס האָט זיין ווייב געטון דורכ׳ן יאָהר. וואָס האָט איהם אַמ־שטאַרקסטען וועה געטון, דאָס איז די הויפּט פליכט פון די מיטגלידער, אַז מען זאָל נישט פערבאַרגען קיין וויכטיגע זאַך פון פריוואַטען פאַמיליען־לעבען אַזוי לאַנג ווי דאָס שפּיגעלט נאָר אָפּ די פיזישע אָדער גייסטיגע ליידען פון אַ „פאַנטאָפעל־מאַן“.

יעדער קלוב אין ענגלאַנד האָט אַ געוויסען עמבלעם, אַ צייכען, וואָס שטעלט פאַר די אידעע אָדער שטרעבונגען פון דער קערפערשאַפט, דער צייכען פון פעראיין איז אַ טעלערעל, דאָס ווייזט אָן, אַז זיי וואַשען די כלים אין זייערע היימען, און זיי מוזען טון הויז־אַרבייט, זייער פרעזידענט טראָגט אַ קייט, וואָס בעצייכענט זיין אמט, די קייט איז פון פראָסטען אייזען, און איז בעצירט מיט האַרטע בערשטען, מיט וועלכע מען וואַשט און מען סקראָבעט פאָדלאָגעס. דאָס בעצייכענט דעם העכסטען שטאַפעל פון פאַנטאָפעל־מאַן.

נאָכדעם ווי די מיטגלידער גיבען איבער זייערע וויכטיגע איבערלעבונגען פון יאָהר, ווערט גע־פאַסט אַ רעזאָלוציע, אַז יעדער „פאַנטאָפעל־מאַן“ זאָל בלייבען ביי זיין ווייב, ווייל אַלע ווייבער זע־בען שלעק, אַרורות און יאַדעניצעס, און ס׳איז נישטאָ אויף וואָס צו בייטען.

**פ. פיין.**

# רעכט און לעבען

## יורידישע בײלאגע פון „נייעם פאלקסבלאט"

# ווער האט רעכט אויף אנ'אדראטשעניע פון מיליטער-דינסט?

אנ'אדראטשעניע פון מיליטער-דינסט בעקומט מען, אדער קאן מען בעקומען צוליב איינע פון די פאלגענדע סבות:

1) געזונדצושטאנד. אויב א פאבאראווי ליידט אויף א געוויסע קראנקהייט, האט א בעשטימטען פעהלער אדער איז בכלל שוואך ענטוויקעלט און ס'איז אבער פערהאן א האפנונג, אז בקרוב קאן אריינטרעטען אין זיין געזונדצושטאנד א פערבעסערונג, ווערט איהם ערטיילט אנ'אדראטשעניע פון מיליטער-דינסט (קאט. B) אויף א טערמין פון 1 יאהר.

וויבאלד נאכ'ן אפלויף פון געגעבענעם יאהר איז קיין פערבעסערונג אין געזונדצושטאנד פון בעטרעפענדען פאבאראווי נישט אריינגעטרעטען און ס'ווייזט זיך אבער דאך א מעגליכקייט פון אזא פערבעסערונג אין דער נאהנטסטער צייט, ווערט איהם ערטיילט אזא אדראטשעניע פון מיליטער-דינסט אויף נאך 1 יאהר. אלענפאלס מעהר, ווי 2 אזעלכע אדראטשעניעס אדער ריכטיגער געזאגט לענגער, ווי ביז'ן 23-טען יאהר קאן דאס מיליטער-דינסט צוליב'ן דערמאהנטען טעם נישט אפגעלעגט ווערען.

ממילא, בעקומען די יעניגע פאבאראווי, וועלכע שטעלען זיך צום ערשטען מאל פאר דער קוואליפיקאציע-קאמיסיע, אלט זייענדיג 22 יאהר' בלויז 1 מאל אנ'אדראטשעניע. דאגעגען קאנען שוין איבערהויפט נישט בעקומען קיין אדראטשעניע פון מיליטער-דינסט אזעלכע מאנספערזאנען, וועלכע שטעלען זיך צום ערשטען מאל פאר דער פאבאר.קאמיסיע, אלט זייענדיג 23 יאהר אדער עלטער.

די דאזיגע מיליטער-פליכטיגע ווערען דורך די פאבאר-קאמיסיעס גלייך קוואליפיצירט לויט איינער פון די פאלגענדע קאטעגאריעס: A, C, D אדער E.

2) אפיעקונסטווא. אדראטשעניעס פון מיליטער-דינסט קאנען אויך בעקומען איינציגע שפייזער פון ארבייטס-אומפעהיגע משפחות, פאר אזעלכע איינציגע שפייזער ווערען אנערקענט: 1) זוהן פון ארבייטס-אומפעהיגע עלטערן, מוטערס-אלמנות, פאטערס-אלמנס; 2) אייניקלעך פון גרויס-עלטערן, זיידענס-אלמנס, באבעס-אלמנות. אויף וויפיל זיי האבען נישט קיין ארבייטספעהיגע קינדער; ברודער פון ארבייטס-אומפעהיגע פעריתומטע געבוירענע אדער שטיפברידער אדער שוועסטער.

וואס שייך דער פראגע, וועלכע משפחה-גלידער דארפען בעטראכט ווערען פאר ארבייטס-אומפעהיגע, מוז פעסטגעשטעלט ווערען, אז אין דעם פאל ווערען אנגעוואנדען צווייערליי פרינציפען: אין אזוי גערופענער אויטאמאטישער לויט דער עלטער און א פיזישער לויט'ן געזונדצושטאנד.

אויטאמאטיש ווערען אנערקענט פאר נישט ארבייטספעהיג: עלטערן פון א פאבאראווי, וועלכע האבען איבערגעטרעטען דאס 60-טע לעבענס-יאהר; מוטערס-אלמנות נאך 45 יאהר; ברידער יונגער פון 16 יאהר און שוועסטערן — יונגערע פון 18 יאהר.

דאגעגען די יעניגע משפחה-גלידער, וועלכע ענטשפרעכען נישט די דערמאנטע עלטער-נארמען קאנען אנערקענט ווערען פאר נישט ארבייטס-פעהיג נאר אין דעם פאל, ווען ס'ווערט פעסטגעשטעלט, אז זיי זענען קראנק אדער שוואך אויף אזוי ווייט, אז די דאזיגע קראנקהייט אדער שוואכקייט פערקלענערט זייער ארבייטספעהיגקייט מינדעסטענס אויף 50 פראצ.

דערביי דארף בעמערקט ווערען, אז ברידער וועלכע געפינען זיך תמיד אין אויסלאנד אדער וואוינען נישט צוזאמען מיט דער משפחה און זענען נישט ביכולת זי אויסצוהאלטען, וועלכע דינען אין מיליטער אדער לערנען זיך נאך אין שולען זענען נישט קיין מניעה צו אנערקענען א פאבאר-פליכטיגען פאר אנ'איינציגען שפייזער פון דער משפחה. די בקשה וועגען אנ'אדראטשעניע פון מיליטער-דינסט אויפ'ן סמך פון אנ'אפיעקונסטווע דארף דערלאנגט ווערען אין דער אנגעהעריגער סטאראסטווע אין משך פון 2 וואכען, נאכדעם ווי דער בעטרעפענדער פאבאראווי איז געווארען אנערקענט פאר דינסט-פעהיג.

צו דער בקשה מוז בייגעלעגט ווערען אנ'אויסצוג פון די ביכער פאר די שטענדיגע איינוואוינער פון דער גאנצער פאמיליע און א צייגניש פון מאגיסטראט וועגען פערמעגענס-מצב פון דער פאמיליע.

די בקשה קאן דערלאנגט ווערען אין נאמען פון פאבאראווי אדער פון דער פערזאן, וועמער האלט אויס.

אין פאל פון אנ'אפזאג, קאן דערלאנגט ווערען א רעקורס.

3) שטודיום. אנ'אדראטשעניע פון מיליטער-דינסט קאן מען דעסגלייכען אויך בעקומען צוליב שטודיום.

אלזא שילער פון מיטעלשולען, וועלכע זענען אנערקענט געווארען פאר דינסט-פעהיג, איבערגעהענדיג פון דער 7 אין דער 8 קלאס אדער איבערבלייבענדיג אין דער 8 קלאס, קאנען בעקומען אנ'אדראטשעניע פון מיליטער-דינסט ביז'ן 22 יאהר.

סטודענטען פון הויכשולען קענען בעקומען אנ'אדראטשעניע פון מיליטער-דינסט ביז'ן 23 יאהר.

פאר טעאלאגען (תלמידים פון ראבינער-שולען); סטודענטען פון מעכאניק, עלעקטראטעכניק, געאמעטריע, כעמיע, יבשה, און וואסער-אינזשינעריע אלס איינס, צי פון אין- אדער אויסלענדישע פאליטעכניקומס; מעדיצין אדער וועטערינאריע פון אינלענדישע אוניווערזיטעטען, קאן די אדראטשעניע פון מיליטער-דינסט פערלענגערט ווערען ביז'ן 25 יאהר. צו די בקשות וועגען אדראטשעניעס פון מיליטער-דינסט צוליב סטודיום, דארפען בייגעלעגט ווערען ענטשפרעכענדע צייגנישען פון די בעטרעפענדע לעהר-אנשטאלטען.

4) לערן-יונגלעך ביי בעלי מלאכות אין פאבריקען און געשעפטען, וועלכע האבען געשלאסען געהעריגע ארבייט-אפמאכען אלס אזוי גערופענע טערמינאטארען אדער פראקטיקאנטען, קאנען בעקומען אנ'אדראטשעניע פון מיליטער-דינסט ביז'ן 22 יאהר. צו די דערלאנגטע בקשות דארפען זיי צולעגען צייגנישען פון צעך. האנד-ווערקער- אדער האנדעלס-אינדוסטרי-קאמער, צוו. פון דער אינדוסטריע-מאכט פון דער 1 אינסטאנץ (מאגיסטראט אדער סטאראסטווע). אזעלכע צייגנישען מוזען בעשטעטיגט ווערען דורכ'ן אינסטרוקטאר פון די אינדוסטרי-קארפאראציעס אדער דורך דער וואיעוואדישער אינדוסטרי-מאכט.

צום סוף דארף נאך בעמערקט ווערען, אז אין די אלע אויסגערעכענטע פאלען קאן מען דערלאנגען א רעקורס און, אז בעטראכטעט פאר א חטא פון מיליטער-דינסטליכער נאטור פערלירען דאס רעכט אויף אנ'אדראטשעניע.

י. אינפעלד.

# ווער און ווי אזוי דארף צאהלען אינדוסטרי-שטייער

ווי בעקאנט ווערט אינדוסטריע-שטייער גענומען אין צווייערליי פארמען: אין פארם פון פאטענטען און אין פארם פון אומזאץ.

פארהאן א רייה בעשעפטיגונגען און אונטערנעהמונגען, וועלכע צאהלען אינדוסטריע-שטייער בלויז אין פארם פון פאטענטען, דעסגלייכען זענען אויך פארהאן א געוויסע קאטעגאריע בעשעפטיגונגען, וועלכע צאהלען ווייטער אינדוסטריע-שטייער נאר לויט'ן אומזאץ. ס'זענען אבער אויך פארהאן אונטערנעהמונגען, וועלכע צאהלען גענצליך נישט קיין אינדוסטריע-שטייער, אלזא אינדוסטריע-שטייער אין פארם פון א

### פאטענט

צאהלען פאלגענדע אונטערנעהמונגען און בעשעפטיגונגען:

1) וואנדער-האנדעל (הויזירעריי) אלץ איינס, צי ארומטראגענדער אדער ארומפאהרענדער (V קאט. B און A)

2) קאמיוואיאזשארען, וועלכע רייזען אין נאמען און אויפ'ן חשבון פון פירמען, וואס צאהלען אליין אינדוסטריע-שטייער; אינספעקטארען און אגענטען פון פערזיכערונגס-געזעלשאפטען, קאמוניקאציע טראנספארט און קרעדיט אונטערנעהמונגען

3) פערלאגען פון טאג-צייטונגען און אנדערע צייטשריפטען;

4) בעלי-מלאכות, דאראזשקארזשעס, פורמאנעס, וועלכע בעשעפטיגען העכסטענס 1 משפחה-גליד און בעזיצען האנדווערקער-קארטען. די פארשריפט וועגען האנדווערקער-קארטען איז אין דעם פאל נישט נוגע קצבים און זייפען-זידער. בלויז לויט'ן

### אומזאץ

זענען מחויב צו צאהלען אינדוסטריע-שטייער זעלבסטשטענדיגע פרייע פראפעסיעס, ווי צ.ב.ש. דאקטוירים, דענטיסטען, פעלדשערס, וועטערינארען, אדוואקאטען, ארכיטעקטען, אינזשיניערען און אנד. טעכניקער.

גענצליך

### פריי

פון דער פליכט צו צאהלען אינדוסטריע-שטייער זענען:

1) הויזווירטשאפטען, וועלכע פערדינגען צימערן סובלאקאטארען, אדער בעשעפטיגען זיך מיט אזוי גערופענע היימישע מיטאגען, וויבאלד די צאהל פערדינגענע צימערן איבערשטייגט נישט 2 און די צאהל עסערס — 10;

2) הילפס-קאסעס פאר אנגעשטעלטע און פראפ. אינטעליגענץ;

3) לעהר-אנשטאלטען;

4) געזעלשאפטליכע ערציהונגס-אנשטאלטען, ביבליאטעקען, לעזע-זאלען;

5) געזעלשאפטליכע שטענדיגע אדער וואנדערנדע קינאמאטאגראפען, אויף וויפיל זיי טראגען א קולטור-ערציהערישען כאראקטער און זענען נישט אויסגערעכענט אויף געשעפט;

6) פארשטעלונגען און פערוויילונגען, וועלכע ווערען איינגעארדענט צוליב פילאנטראפישע אדער קולטור-ערציהערישע צילען.

י. א.

# נייע און געענדערטע געזעצן

אין פערלויף פון די לעצטע צוויי וואכען זענען פערעפענטליכט געווארען אין דוש. אוסטאוו א גאנצע רייה נייע און מאדיפיצירטע אוסטאווען.

מיר וועלען אויסרעכענען די וויכטיגסטע:

### 1) וועגען הנחות ביי גריכטס-עקזעקוציעס פאר לאנדווירטשאפטליכע בעלי בתים

דער דאזיגער אוסטאוו איז פובליקירט אין נומר 25 אונטער דער פאז. 219.

דער מאראטאריום פון דערמאנטען אוסטאוו בעשטייט אין דעם, וואס די ארטיגע געריכטען וועלען מעגען אפהאלטען דאס ליציטירען די בעלי-בתי'שקייט פאר פריוואטע חובות, אין משך פון 1 יאהר, אויף וויפיל ס'האנדעלט זיך וועגען אריינגעפאלענע אין א צאהלונגס-שוועריגקייט לאנדווירטען.

### 2) וועגען בעקעמפען אנשטעקענדע קראנקהייטען צווישען בהמות און הויז-חיות

דער דערמאנטער אוסטאוו, אפגעדרוקט אין נומער 26 אונטער דער פאז. 229, באוועליזירט די פערעפליכטענדע פעראָרדנונג פון 22 אויגוסט 1927 אין דעם זין, אז אין פאל ווען די בעלי-בתים מעלדען נישט תיכף דער ארטיגער מאכט און פיהרען נישט אויס פינקטליך אלע געזעצליכע בעשטימונגען קאן די אנשטעקענד קראנקע הויז-חיה אדער בהמה אונטערגעגעבען ווערען א צוואנג-קוראציע אויפ'ן חשבון פון די דאזיגע בעלי-בתים.

דאגעגען אויב די בעלי-בתים פון אנשטעקענד קראנקע בהמות אדער הויז-חיות מעלדען יא צייטליך דער בערופענער מאכט און פאסען זיך צו צו די פעראָרדנונגען קאנען זיי אין פאל, ווען די דאזיגע בהמה אדער הויז-חיה פאלט, בעקומען א געלט-אונטערשטיצונג אין דער הויך פון 1 דריטעל ביז 3 פערטעל פון אפגעשאצטען ווערט.

א. ג.

# א לאדזער כלל-טוערין — א געוועזענע „מוהמע"

## דער סטאראסטווע וועט דארפען פסק'נען, צי זי מעג זיין א מיטגליד און זיצען אין דער פערוואלטונג פון א פילאנטראפישען פעראיין?

פארהאן אין לאדז א פילאנטראפישער פעראיין, צו וועלכען ס'געהערען פרויען פון די אנגעזעהענסטע בעלי-בתים פון שטאט.

אנומאלט איז אין דאזיגען פעראיין פארגעקומען די יעהרליכע אלגעמיינע פערזאמלונג מיט וואהלען צו דער פערוואלטונג.

צווישען אנדערע האבען אויף דער קאנדידאטען-ליסטע צו דער פערוואלטונג אויך פיגורירט צוויי פרויען, וועלכע פלעגען זיך תמיד ארומרייסען און וועלכע האבען אויך דאס מאל צווישען זיך געפיהרט א פערביסענעם קאנקורענץ-קאמף וועגען א פערוואלטונגס-בענקעל.

דער סוף איז געווען, אז געזיגט האט די דרייסטערע, חוצפה'דיגערע און די צווייטע, די מעהר בעשיידענע איז דורכגעפאלען.

די בענקעל-אמביציע האט אבער נישט געלאזט די דורכגעפאלענע רוהיג זיצען. זי האט אנגעהויבען צו זוכען פערשידענע מיטלען, ווי אזוי זיך דער קאנקורענטקע זיך אפצורעכענען.

זי האט אזוי לאנג גענישטערט אין יענעמס עבר, ביז זי איז דערגאנגען, נישט מעהר און נישט וועניגער, ווי צו אט די שעהנע בעל-הבית'טע אין דער טיפער קופקע מיט'ן ירא שמים-פנים'על איז ערשט מיט א 10 יאהר צוריק געקומען פון בוינע (בוענאס איירעס), וואו זי איז געווען א בעקאנטע „מומע" און אנגעוואכעלט פון יענע געשעפטען א פערמעגען.

דא האט זי זיך געקויפט א הויז, געעפענט א רעסטאראן, געלאזט זיך שרייבען א ספר-תורה, פערשריבען זיך אלס מיטגלידערין אין א רייה אינסטיטוציעס און געווארען א גאנצע גבאי'טע און כלל-טוערין. אז די מיטגלידערינס פון פעראיין האבען זיך בעקענט מיט'ן יחוס בריף פון זייערס א חבר'טע, איז געווארען אין קרעמעל הייםלעך. מ'האט די בעל-דבר'טע תיכף ארויפגערופען פון פערוואלטונגס-בענקעל און זי געהייסען אינגאנצען מוחל זיין פון פעראיין. מיינט איהר דאך, אז איהר זענט שוין מיט איהר פערטיג, הייבט זיך ערשט איצט אן די אמת'ע חתונה. שטעלט אייך פאר, אז די דאזיגע בוימעל-גיסערין פיהלט זיך אינגאנצען בע'עולה'ט פון דערמאנטען בעשלוס און נישט דערפאר, ווייל זי האלט, אז מ'האט הלילה אויף איהר אויסגעטראכט א בלבול.

ניין? אין פארוואורף, אז זי איז געווען א מומע לייקענט זי נישט, זי טענהט נאר, אז דאס איז געווען מיט איבער 10 יאהר צוריק.

דינט איהר שוין היינט א פרושעדאוויעניע.

וואס כ'בין געווען, בין איך געווען, טענה'ט זי — היינט האלט איך א כשר'ן רעסטאראן, עס עסען ביי מיר שיינע יודען און איך פיהר זיך היינט אויף ווי די שענסטע און פרומסטע בעל-הבית'טע אין שטאט. מ'קאן מיר היינט בשום אופן נישט מאכען קיין פארווארפען פאר חטאים, וועלכע כ'בין בעגאנגען מיט 10 יאהר צוריק.

פערופענדיג זיך אויף די זעלבע טענות ביים זי זיך איצט ווענדען מיט אנ'אנקלאגע צו דער סטאראסטווע געגען בעשלוס פון פעראיין.

די סטאראסטווא וועט אלזא דארפען פסק'נען, צי א געוועזענע „מוהמע" מעג זיין א מיטגלידערין אין א פילאנטראפישען פעראיין און זיצען אין דער פערוואלטונג און צי אין אזא פאל קאן אויך גילטען א 10 יעהריגע פרושעדאוויעניע.

ארגוס.


# געדענקט, יודען!

אז איהר דארפט פריהער נישט אונטערנעהמען קיין שום שריט אין אייער רעכטליכען ענין, כל זמן איהר האט זיך נישט פערשטענדיגט מיט'ן רעכטס-פובליציסט י. אינפעלד, לאדז, פיעטריקס. 31

אויפנאהם-שעה'ן טעגליך פון 4—8 אוו.

שריפטליכע אנפראגען קאן מען אדרעסירען

נייער פאלקסבלאט
# דאס לאדזער לעבען
נייער פאלקסבלאט

מאי
זון־אויפגאנג 4.10
זון־אונטערגאנג 6.58

דאנערשטאג
5
כט
ניסן תרצ"ב

# פאבאר פון יאהרגאנג 1911
## וועלכע פאבאראוועצעס דארפען זיך היינט שטעלען צו די פאבאר־קאמיסיעס

היינט, מחמת חגא, וועלען די קאמיסיעס נישט זיין טעטיג.

מארגען, דעם 6, מאי ד.י. אין צווייטען טאג דארפען זיך שטעלען:

פאר דער פאבאר־קאמיסיע נומער 1 (נארו־טאוויטשא 75) די פאבאראוועצעס פון יאהרגאנג 1911, וועלכע וואוינען אויפ'ן שטח פון 2־טען פאל. קאמיסאריאט, וועמענס נעמען ס'הייבען זיך אן מיט די ליטערעס:

O R S Sch ś U W Z Ź Ž

פאר דער קאמיסיע נומ. 2 (אגראדאווע 34) די פאבאראוועצעס פון יאהרגאנג 1911, וואס וואוינען אויפ'ן שטח פון 1. פאליציי־קאמיסאריאט מיט די פאמיליען־נעמען אויף די אותיות:

S Sz Sch ś

פאר דער קאמיסיע נומ. 3 (קאשטשושקי 21) די פאבאראוועצעס פון 1910, קאטעגאריע B, וואס וואוינען אויפ'ן שטח פון 7־טען פאליציי־קאמיסאריאט, וועמענס נעמען ס'הויבען זיך אן מיט די ליטערעס:

A B C D E F G H Ch I J K L Ł

צו די פאבאר־קאמיסיעס דארפען די פאבאראוועצעס מיטנעמען די פעסער, אדער פערזענליכע דאקומענטען ארויסגעגעבען פון די פאליציי־קאמיסאריאטען, פראלאנגאציע און רעגיסטראציע־קארטען, וואס זענען אויסגעשטעלט געווארען פון לאדזשער מאגיסטראט, און בעשייניגונגען וועגען פאך און בילדונג.

די פליכט פון צושטעלען פערזענליכע דאקומענטען, איז אויך חל אויף די פאבאראוועצעס פון קאטעגאריע B. וועלכע האבען די דאזיגע בעשייניגונגען צוגעשטעלט צו די פאבאר־קאמיסיע אין די פריהעריגע יאהרען.

# רעגיסטראציע פון ארבייטסלאזע

(—) דער אונטערשטיצונגס־אמט ביים מאגיסטראט איז מודיע, אז די רעגיסטראציע אויף שטיצע פאר ארבייטסלאזע פאר'ן חודש מאי וועט פארקומען לויט פאלגענדען סדר:

מאנטאג, דעם 9־טען מאי די אותיות:

A B C D E F

דינסטאג, דעם 10־טען מאי:

G H I J

מיטוואך, דעם 11־טען מאי:

K L Ł

דאנערשטאג, דעם 12־טען מאי:

M N O P

פרייטאג, דעם 13־טען מאי:

R S T U

שבת דעם 14־טען מאי:

W Z Ź

# פון האנדעלס־געריכט
## געפאלענע פירמע „אביגדור קאהן" גיט איבער איהרע הייזער דער „ווידז. מאנופאקטור"

די בעלגישע פירמע אלפרעד האוזער האט זיך געווענדעט צום לאדזער האנדעלס־געריכט מיט א פאדערונג, ס'זאל איהר בערעכענט ווערען די סומע 24.987.17 דייטשע מארק, וואס ס'קומט איהר פון יוליוש ראזענטאל'ס יורשים זייט'ן יאהר 1914. די פירמע האוזער פערלאנגט איבערצורעכענען די דייטשע מארקען די פולע 100 פראצ. לויט'ן בערזע־קורס אויף א סומע פון 26.795 זל.

דאס האנדעלס־געריכט האט די פאדערונג אפגעווארפען, צוליב וואס די פירמע האט אפעלירט צום אפעלאציע־געריכט אין ווארשא.

דאס אפעלאציע־געריכט האט די דעציזיע פון לאדזער געריכט אפגעווארפען, און צוגעמשפט דער בעלגישער פירמע אויסצובאהלען די פולע 100 פראצ. און געריכטס־קאסטען.

* * *

אין שייכות מיט דעם אופאדלאשטש פון דער פירמע אביגדור קאן, מאנופאקטור־געשעפט (פעטריקאווער 37), איז דעם 24 מערץ ד. י. געקומען צו אן'אפמאך מיט די קרעדיטארען אויף 15 פראצ. היות ווי א חוץ די פריווילעגירטע, איז דער איינציגער קרעדיטאר די „ווידז. מאנופאקטור", גיט די געפאלענע פירמע איבער איהרע הייזער אויף גדאנסקא 35 און דאס האלבע הויז אויף זגיערסקא 17 אין רשות פון דער „ווידז. מאנופ." וועלכע נעמט איבער אלע התחייבות'ן און צו דעקען די אויסגאבען פון די הייזער.

דאס געריכט האט בעאויפטראגט דעם סינדיק צוצושטעלען היפאטעק־אויסצוגען פון די דערמאנטע הייזער, און אויף דער בעראטונג, וואס וועט פארקומען דעם 10־טען מאי ד. י. איינצולאדען די פראקוראטור, אלס פערטרעטערין פון דער פינאנץ־מאכט.

# וועגען הנחות ביים צאהלען אינדוסטריע־שטייער

(אג) די היגע פינאנץ־קאמער האט פאריגע וואך בעקומען א צוגאב־צירקולאר מיט אויפקלערונגען צו א פריהערדיגען מיניסטעריאלען צירקולאר וועגען געוויסע הנחות ביים איינצאהלען אינדוסטריע־שטייער.

די אויפקלערונגען האבען א פאזיטיווען ווערט פאר די שטייער־צאהלער.

# פראגע פון קאלעקטיווען אפמאך אין טעקסטיל־אינדוסטריע

(אג) אין שייכות מיט'ן בעריכט פון הויפט־ארבייטס־אינספעקטאר ה' קלאט מכוח דער קאנפערענץ, וואס איז אפגעהאלטען געווארען אין לאדז מיט פארשטעהער פון די פאבריקאנטען און ארבייטער, וואס דאס ארבייטס־מיניסטעריום ארויסגעבען אינסטרוקציעס דער ארטיגער מאכט וועגען אנהויבען אונטערהאנדלונגען בכדי צו שליסען א קאלעקטיווען אפמאך.

ענטגילטיגע און גענויע בעשלוסען בנוגע דעם דאזיגען ענין זענען געמאכט געווארען אפהענגיג פון די בעשלוסען, וואס וועלען אנגענומען ווערען היינט אויפ'ן צוזאמענפאהר פון קלאסען־פאראיין און אויף די פערוואלטונגס־זיצונגען פון „פראצא" און „כאדע" מיט'ן אנטייל פון די פראווינצער דעלעגאטען.

די דאזיגע בעשלוסען וועלען תיכף איבערגעגעבען ווערען דעם ארבייטס־מיניסטעריום, כדי צו אנגעהמען ענטשפרעכענדע דעציזיעס.

# מען געפינט אלטע בית עולם'ס

(2) מיט עטליכע טעג צוריק האבען זיך געוויזען ידיעות, אז נישט ווייט פון ליסאמירסק האט מען ענטדעקט אן'אלט בית עלמין, וואס שטאמט פון פאר דער קריסטליכער ערע.

איצט קומט אן אן'ענהליכע ידיעה, אז אויך אין דער געגענד פון ראדאמסק האט מען געפונען אלטע פוילישע מטבעות, וואס שטאמען פון 16־טען יאהרהונדערט, און אורנעס מיט טויטע קערפערס, וואס שטאמען פון פאר טויזענד יאהר.

משמעות, ס'זענען איצט מאדערן בית־עולם'ס: שטעט אין דערפער זעהען איצט אויס, ווי בית־עולם'ס און מען געפינט אלטע בית עולם'ס..

# אשותף — א מסור
## האט אנ'ערגערען סוף פון דעם, וואס ער האט געמסרט

(2) דעם 24. פעברואר 1930 האט מען ביי יעקב זילבערבערג'ן (פאמארסקא 4) ארויסגעגנב'עט מלבושים און וועש פאר אנ'ערך 2000 זלאטעס.

לכתחילה האט מען געמיינט, אז ס'איז די מלאכה פון דער דינסט־מיידעל, אבער שפעטער האט זיך ארויסגעוויזען, אז זי איז אומשולדיג, און מ'האט זי בעפרייט.

איז א צייט דערנאך האט זיך צו זילבערבערג'ן געווענדעט זיינער א בעקאנטער, זאמדשטיין, און מיטגעטיילט, אז אנ'אנדערער בעקאנטער זיינער האט איהם געזאגט, אז דער גנב איז איינער שמואל לעסמאן.

מ'האט אנגעהויבען צו פארשען ווער דער „אנדערער בעקאנטער" איז, און מ'איז דערגאנגען אז ס'איז דער 25־יעהריגער בער בוימאן.

דער סוף איז געווען, אז צעבטען האט לעסמאן (פון פאמארסקא 31) בעקומען 6 חדשים צו זיצען, און זיין מיטהעלפער, און מסור, בוימאן — א יאהר טורמע.

# צווייטע דעדעקטיווע
## צוויי ברידער אנגעשטעלטע געפינען אויס א גנבה

(2) אין דער נאכט פון דעם 1־טען אויפ'ן 2־טען יאנואר האט מען פון שלמה שווייצערס געשעפט (אויף גדאנסקא 37) ארויסגעגנב'עט פאר אנ'ערך 15.000 זלאטעס פערטיגע מלבושים.

פאליציי האט געזוכט די גנבה און נישט געפונען.

האט דער „פרינציפאל", אנפערטרויט זיינע צוויי אנגעשטעלטע אין געשעפט, די ברידער שייע און בערעל ווינקראנץ, זיי זאלען אויף אייגענע אחריות אנהויבען זוכען די גנבים.

ווייזט אויס, אז די צוויי ברידער האבען דעדעקטיוו־פעהיגקייטען, ווארום שוין דעם 4 יאנואר האבען זיי (אויף אלעקסאנדריסקא גאס) געפאקט ביי דער האנד די שולדיגע אין דער גנבה: דעם געוועלבער ישראל האפמאן (אלעקסאנדריסקא 28) און הערש ווישעגראדסקי.

דיביידע זענען נאכטען צוזאמען מיט'ן פיהרמאן הערש פאגעלמאן געשטאנען פאר'ן געריכט.

האפמאן און ווישעגראדסקי האבען בעקומען א חודש צו זיצען, און דער פוהרמאן איז, מחמת מאנגעל אין בעווייזען בעפרייט געווארען.

פירמע
# שענקער און קאמפ.
## צוריק בעקומען די קאנצעסיע.
דאס פינאנס־מיניסטעריום לויט דער פעראָרדנונג פון 32 30/4 D. IV ll. 784/42 האט צוריקגעגעבען דער פירמע שענקער און קאמפ. די צאל־קאנצעסיע

# האט רחמנות אויף מיין 4־וואכענדיג אונטערגעווארפען קינד
## שרייבט א יודישע מאמע. אוז דאס קינד ווערט איבערגעגעבען איז א קריסטליכען זשלאבעק

אויף פעטריקאווער 231, איז אין טויער געפונען געווארען א ניי געבוירען קינד, איינגעוויקעלט אין א טיכעל. נעבען קינד איז געפינען געווארען א יודיש צעטעלע געשריבען פון דער מוטער, אין וועלכען זי בעט רחמנות צו האבען אויף איהר קינד, און עס איבערגעבען אין זיכערע הענד. דאס קינד — שרייבט זי, איז פון עהרליכע עלטערען, דער מאן איז פון איהר אוועק, זי לעבט אין גרויס דחקות. דאס קינד איז אלט 4 וואכען און הייסט באשעלע.

די פאליציי האט דאס קינד איבערגעגעבען אין א קריסטליכען זשלאבעק אויף דער טראמווייא־ווע גאס.

# צוויי קרבנות פון א שרפה

(2) אין דארף קשעמפלע, ווילינער קרייז, איז עהערנעכטען אויסגעבראכען א גרויסע שרפה אין דער דארפס־ווירטשאפט פון'ם פויער פראנצישעק ווילוש.

בעת דער רעטונגס־אקציע איז ווילושעס 58־יאהריגע פרוי מאריאננא אריינגעלאפען אין'ם ברענענדיגען שטוב כדי ארויסצוכאפען פון די פלאמען דאס, וואס עס וועט זי דערלאזען.

אויף איהר זעגען אבער באלד ארונטערגעפאלען די ברענענדיגע בעלקעס און זי איז געבליבען ליגען אונטער די פלאמען.

דער פאראבעק פיאטער שלאיעווסקי איז אריינגעלאפען און אז מ'האט איהם פון דארט ארויסגעשלעפט אבער עד איז פון'ם רויך פער'חלשט געווארען, געשפרונגען אין פייער, כדי צו ראטעווען די אלטע א מורא'דיג אפגעבריהטען, איז ער באלד אין מורא־דיגע יסורים געשטארבען.

ע. זיגלער

גאסט אין לאדז !!!

מ. זיגלער

גאסט אין לאדז !!!

סעאדילא פאסטאר

ע. זילבער

ר זינגלער

די וועלט־בעריהמטע
# זיגלער'ס
## אפערעטען־סטאר־טרופע
אלע קומען דעם פרייטאג
האלב 10 אוונד צו בעגריסען
די גרויסע געסט און צו דער
# פייערליכער ערעפנונג
פון זומער־סעזאן
אין „פילהארמאניע"
לעזט דעם מארגענדיגען אנאנס.

מאקס האלם

מ. פאסטאר

## הנחה-פעסער פאר סוחרים
### גיט ארוי'ס די סטאראסטווע

(א) אין שייכות מיט דעם געהעכערטען אפּצאהל פאר אויסלאנדס-פעסער, האט די וואיע-וואודזטווע בעקומען אנ'אקולניק פון פינ מיניס-טעריום, אז פאר סוחרים און פאברי-אנטען, וואס בעזיצען בעשייניגונגען פון דער האנדעלס-קאמער, אז זיי פאהרען קיין אויסלאנד אויף אויסשטעלונ-גען, אדער צו האנדעלס-צוועקען, וועלען געניסען פון די ביז-איצטיגע פאס-הנחות.

וועגען די הנחה-פעסער דארף מען זיך ווענ-דען צו דער סטאראסטווע.

## א פאליטישער פראצעס

(2) נעכטען איז אין קרייז-געריכט פארגעקו-מען א פראצעס געגען וואלדעמאר דיסנער, וועל-כער איז בעשולדיגט געווארען אין קאמוניסטישער טעטיגקייט.

דיסנער איז פערמשפט געווארען אויף אנדער-האלבען יאהר תפיסה.

## א נקמה איז ווירט — דאס הויז ברענט
### פאר וועלען אונטערצינדען 3 חדשים תפיסה

(2) דעם 24-טען יאנואר ד. י. האבען די שכנים פון הויז נאוואקאנטנא 21 בעמערקט, ווי מיכאל טושענזשאק דרעהט זיך מיט פייער אין א קאמער. די שכנים האבען ביי איהם ארויסגעכאפט א פלעשעל נאפט, און איהם אפגעפיהרט אין קא-מיסאריאט. ווי ס'האט זיך ארויסגעשטעלט, האט ער אויס נקמה צום ווירט, געוואלט אונטערצינדען דאס הויז.

נעכטען איז טשענזשאק פערמשפט געווארען אויף 3 חדשים תפיסה.

## פערמשפט א טאבאק-שמוגלער

(2) נעכטען האט דאס קרייז-געריכט פערמשפט אויף 2 יאהר מיט 3 חדשים ט'מע דעם טאבאק-שמוגלער סטעפאן גאגאלטשיק (נאוואקאנטנא 3), וועלכער האט זיך בשעת געלאזט ענטלויפען ווען פאליציי איז איהם געקומען ארעסטירען. דאן האט ער אויך געשאסען אויף דער פאליציי.

## אפטייקען
### היינטיגע נאכט-דיזשורען

(2) היינט ביינאכט דיזשורירען: א. דאנצער (נגערזשפר 57), וו. גראשקאווסקי (11 ליסטאפאד 15), ס. גארפיין (פילסודסקיעגא 54), ס. בארטש-שעווסקי (פיעטרקאווער 164), ר. רעמבעלינסקי (אנדזשעיא 28), א. שימאנסקי (פשענדזאלניאנא 75).

## 11-טער יאהרצייט פון י. ח. ברענער

צום 11-טען יאהרצייט פון טראגיש-אומגע-קומענעם יוד. ארבייטער-דיכטער י. ח. ברענער, ארדענט איין דער היגער „החלוץ" שבת 3 נאכמ. א טרויער אקאדעמיע מיט דער בעטייליגונג פון ה"ה: פ. אפאטשינסקי — איבערזעצער פון ברע-נער'ס ווערק אין יודיש און רעד. י. לעווי, ווי אויך די העברעאישע סטודיע אין לאדז.

זאל פילהארמאניע טעלעפאן 213-84
היינט 8.30 אווענד שפּילט
דער בעריהמטעסטער
פידעל-שפילער פון דער וועלט
יאשא חפץ
בילעטען פערקויפט די פילהארמאניע-קאסע.

## „אנ'ארבייטס-פערמיטלער" אין א באהן-בעאמטען-היטעלע
### נארט אויס געלד ביי ארבייטסלאזע, און געהט דערפאר ישב'ענען אויף דער „מילשא"

(2) אויף דער סטאציע פון דער ווארשאווער באהן, פלעגען זיך די לעצטע צייט צוזאמענקומען ארבייטסלאזע ארבייטער, וועלכע האבען געווארט, מ'זאל זיי געבען בעשעפטיגונג ביים אויסלאדען די וואגאנעס.

מיט עטליכע טעג צוריק, האט זיך צו די ארבייטער געמעלדען א פערשוין אין א היטעלע פון א באהן-בעאמטען, וועלכער האט זיי פארגע-לעגט ארבייט, און פאר זיין טרחה, האט ער פערלאנגט צו 4.75 זל. וואס די ארבייטער האבען איהם גערן געגעבען. נאך דעם בעקומען דאס „מלאכה-געלד" איז דער פערשוין נעלם געווארען.

נעכטען איז דער פערשוין ארעסטירט גע-ווארען. ער איז דער געוו. באהן-ארבייטער לעשעק שווידערסקי. ער איז איינגעזעצט געווארען אין תפיסה.

## דער ערמארדעטער דירעקטאר פון „זשי-ראַרדאוו" קעלער איז געווען א דעספאט
### דער מערדער איז דער געוו. פרעזעס פון זשיראַרדאווער שטאט-ראט

(2) ווי מיר האבען שוין מיטגעטיילט, איז דער דירעקטאר פון „זשיראַרדאוו" באדין—קעלער, ער-מארדעט געווארען אין ווארשא פון א רעדוצירטען בעאמטען פון דער דערמאהנטער פאבריק — יוליאן בלאכאווסקי, געוועזענער פרעזעס פון זשיראַרדאווער שטאט-ראט.

צוליב דעם, וואס בלאכאווסקי איז זיינער צייט געווען פערשיקט אויף סיביר, ליידט ער אויף א נערווען-קראנקהייט, צוליב דעם, איז דער פראצעס איבערגעשיקט געווארען אין א געוועהנליכען געריכט.

די אויספארשונגס-מאכט, האט שוין אויסגע-הערט א גאנצע רייה עדות, דער רוב געוועזענע בעאמטע און ארבייטער פון דער זשיראַרדאווער פאבריק. פון די ערקלערונגען פון די עדות, שטעלט זיך ארויס אז דער דערמארדעטער דירעקטאר קע-לער, איז געווען א געוואלדיגער דיספאט, און איז זיך מיט די בעאמטע און ארבייטער בעגאנגען אויף אנ'אונמענשליכען אופן. די בעאמטע האט ער פערוועהרט צו רויכערען פאפיראסען, און טאמער האט ער איינעם געכאפט ביי אזא „פערברעכען" האט ער איהם בעשטראפט. אין זיין קאבינעט האט ער זיך איינגעארדנעט אנ'אונטערהער-אפאראט כדי ער זאל זיך קענען צוהערען, וואס ס'ווערט גערעדט אין דער ביורא און אין דער פאבריק, ער האט פערלעגט א נעץ פון שפיאנען, וועלכע האבען איהם „ראפארטירט" פון אלץ און אלעמען.

אזוי לאנג, ווי בלאכאווסקי איז געווען פרעזעס פון זשיראַרדאווער שטאט-ראט, האט דער דירעקטאר געהאט נאך א ביסעל דרך-ארץ פאר איהם, ווי נאר ער איז געווארען אויס פרעזעס, האט ער גענומען שיקאנירען.

ווי מ'טיילט מיט, האט זיך אין זשיראַרדאוו געגרינדעט א פערטיידיגונגס-קאמיטעט, צו פער-טיידיגען בלאכאווסקין.

DOKTOR
H. WOŁKOWYSKI
צעגעלניאנא 4, טעל. 216-90
ספּעציאל-ארצט פאר הויט- און ווענערישע קראנקהייטען, מענער-שוועכע. אלע ארט אנאליזען, עלעקטראטעראפּיע, בעהאנדלונג מיט קווארץ-שטראהלען.
נעמט אן פון 8—2 און פון 5—9 אווענד.
בעזונדער ווארטע-צימער פאר פרויען.

סוקצעס! סוקצעס! סוקצעס!
„QUI PRO QUO" פון ווארשא
האט געזיגט אויף דער גאנצער ליניע.
אקטועל פאליטישער פריהלינגס-ביגאס א. נ.
„NOS DO GÓRY"
האט דערגרייכט ביז איצט א נישט געזעהענעם קינסטלערישען און קאסע-ערפאלג.
טעגליך 2 פארשטעלונגען: 8 און 10 אווענד.
פארפערקויף פון בילעטען אין די קאסעס פון „Scala" פון 11 א זייגער פריה.

## דער מערדער פון דעם יודישען שניידער ביין איז נאך נישט געפונען געווארען

(2) אין שייכות מיט'ן ערמארדען דעם שניידער יאסעל ביין (אויף קילינסקיעגא 233) איז מיט עט-ליכע טעג צוריק ארעסטירט געווארען א געוויסער ווישניאווסקי.

עס האט זיך, אבער ארויסגעוויזען, אז דער ארעסטירטער איז אינ'ם מארד נישט שולדיג.

## א שווער-פערוואונדעטער אונ-טער-אפיציר אויפ'ן בית עלמין

(2) נעכטען אינדערפריה האט מען געפונען אויפ'ן אלטען קריסטליכען בית עלמין א שווער פערוואונדעטען מיט א קויל אין דער ברוסט, דעם 26-יעהריגען אונטער-אפיציר פון 31. קאניאווער שיסער-פולק, קאנראד סטמיאטקאווסקי.

מען רעכענט, אז דאס האט ער געפרובט צו בעגיין זעלבסטמארד.

מיליטער-זשאנדארמעריע פיהרט אנ'אויספאר-שונג.

## לעצטע „ערדט" פארשטעלונגען!
### דאס פראגראם „פייגעל אינדערלופטען"

די היינטיגע וואך איז ביים „ערדט" א גע-זעגענונגס-וואך: שוין די לעצטע טעג ווערט גע-שפילט דאס סענסאציאנעלע פראגראם א.נ. „פייגעל אינדערלופטען", פון וועלכען עס רעדט גאנץ לאדז.

דאס זענען, ווי געזאגט, די לעצטע פאר-שטעלונגען אין דעם היינטיגען סעזאן, און שוין אנהויב נייע וואך וועט דער „ערדט" שוין אנהוי-בען זיין וואנדער-וועג איבער'ן לאנד, און אפשר אויך — אויסלאנד...

היינט ווערט געשפילט 1 מאל: 10 א זייגער.

## אטלעטען-קאמף אין צירק
### קראוזער האט געוויזען זיינע גבורות

נעכטען איז אין צירק פארגעקומען די ערעפנונג פון אטלעטען-קאמף. עס האבען געקעמפט 5 פאר: אין דער ערשטער פאר דער שטארקער אונגארער האלובאן מיט פאקטאר (ביאליסטאק) אין דער צווייטער מינוט האט געזיגט האלובאן.

דער קאמף פון דעם בעלגיער טיבערמאן מיט וואלישעווסקין איז געבליבען אהן רעזולטאט. דער עסטרייכישער וועלט-מייסטער קאוואן האט מיט אנ'אונרחמנותדיגען „נעלסאן" בעזיגט אין דער 14-טער מינוט מיאזשאן. דער שעהן-געבויטער בולגארישער סטודענט קאלעוו האט אין דער 18-טער מינוט בעזיגט דעם פראנצויז סען-מארס און קראוזער האט מיט א שעהנער „מיהל" בעזיגט לעקושקאן, וועלכער וועגט 130 קילא.

היינט קעמפען: קאלעוו—לעקושקא; מיאזשאן — פאקטאר; קראוזער—וואלישעווסקי; מארטינאוו — טיבערמאן און שטעקער—קאוואן.

ר. איזראעל

## דאס בופעט-מיידעל
### א סענסאציאנעל-עראטישער ראמאן פון דער לאדזער ווירקליכקייט

(10

— איך וועל דיר זאגען דעם אמת, האט אלא געזאגט צו דער מוטער, איך האב זעהר פיל וועגען דעם געטראכט, הגם איך האלט אז דו דארפסט זיך נישט אריינמישען אין מיינע ענינים, ווייל איך קען מיר מיין שטעטעל אליין בעשטעהן.

— אבער דאך, בין איך דאך א מאמע, האט פרוי פייערמאן געזאגט, מיר שרעקט דאס הארץ פאר דיר, מיר זענען ב"ה השם פערמעגליכע מענ-שען, מיט וואלטען דיך געקענט חתונה מאכען אזוי ווי מיר פערשטעהען דאס, מיר געפעלט אבער נישט דאס, וואס דו שלעפסט זיך ארום מיט דעם דאזיגען געלען סטודענטעל און דו שטויסט אפ פון זיך אלטמאנען...

— אלטמאן געפעלט מיר נישט, ער איז אפשר אנ'ארענטליכער מענש, א זעהר אנשטענדיגער, א-בער בלאזט פון זיך, און האלט זיך גרויס, אזוי ווי ער וואלט געווען א בעריהמטהייט אין דער וועלט.

— אבער דערפאר איז ער אנ'ארענטליכער מענש, האט די מוטער געזאגט, און דאס סטודענ-טעל זעהט ביי מיר נישט אויס צו זיין קיין ארענט-ליכער מענש.

— דאס ווייס איך נישט, דערפאר איז ער אבער א דזשענטעלמען, אנ'עלעגאנטער יונגערמאן, א סטו-דענט, האט בענעהמונג, קען זיך געפינען אין א געזעלשאפט.

— און דאס איז לויט דיין מיינונג אלץ?

— וואס דארף איך מעהר. דער דאזיגער אלטמאן טראגט זיך שטענדיג ארום נאר מיט חלו-מות, האט אין זין זיינע פעראיינען און פארטייען, קיינמאל האב איך איהם נישט פערשטאנען און ער מיך נישט איך בין דאך יונג און וויל לעבען.

דאס דינסטמיידעל איז אריינגעקומען און גע-מאלדען אז דער יונגער סטודענט וואס קומט דא אפט אריין, איז ווידער געקומען.

— איצט איז ער געקומען? האט די פרוי פייער-מאן געפרעגט. וואס איז איצט פארא צייט, דער טאטע וועט גלייך קומען פונ'ם דאווענען...

— איך האב דיר גאר פערגעסען צו זאגען, מאמע, אז איך האב העניעק'ן פערבעטען אויף היינט צו אווענד-ברויט, ער האט מיר געזאגט, אז ער האט זעהר ליב יודישע פיש, האב איך איהם געבע-טען אויפ'ן פרייטאג-צו-נאכטס צו אווענד-ברויט. ער שטאמט פון אנ'אריסטאקראטישער משפחה, ביי איהם אין דער היים ווייסט מען נישט פון די „טרא-דיציע" פרייטאגדיגע אווענד-ברויטען, דאס וועט פאר איהם זיין זעהר אינטערעסאנט...

— און איך ווינש מיר דאס נישט, דער טאטע אויך נישט. איך וויל נישט אז דער דאזיגער סטו-דענט זאל שוין ווערען אזוי היימיש ביי אונז...

אלא האט נישט געענטפערט דער מוטער באר געהייסען אריינבעטען דעם סטודענט וועלכער איז נישט אריינגעקומען באר אריינגעטאנצט, אין שטוב, ער איז געווען אויסגעפוצט אפראזירט און גלאט פער-קעמט זיינע געלע האהר, מיט א טיפען בויג האט ער זיך פערנויגט פאר דער פרוי פייערמאן, אנגענו-מען איהר האנד און געגעבען א קוש, דאן האט ער דערלאנגט די האנד אלא'ן, וועלכע איז אלץ געלע-גען אויף דער סאפע אין דערזעלבער פאזע.

העניעק האט זיך אהן צערעמאניעס אוועקגע-זעצט נעבען דער ליגענדיגער אלא, וועלכע האט געשטראהלט פון שמחה צוליב'ן איינראפעישען בע-נעהמען זיך פון העניעק'ן.

דער פרוי פייערמאן האט די דאזיגע סצענע געקאסט געזונד, זי וואלט גערן דאס חוצפהדיגע סטודענטעל אנגענומען פאר'ן קראגען און ארויסגע-ווארפען הינטער דער טיר.

דער סטודענט האט זיך דערווייל געוויצעלט, און געפלירטעוועט מיט אלא'ן אויף זיין שטייגער.

דערווייל איז פון דאווענען געקומען לייב פייער-מאן מיט'ן ברייטען פרעהליכען גוט-שבת. אלא האט זיך אויפגעשטעלט, און פארגעשטעלט העניעק'ן פאר איהר פאטער.

— דאס איז מיין גוטער בעקאנטער העניעק נוסבוים, איז א סטודענט אויפ'ן מעדיצינישען פאקול-טעט, איך האב מיין פריינד פערבעטען אויף אווענד-ברויט צו אונז.

העניעק האט זיך פערנויגט, לייב פייערמאן האט איהם די האנד נישט דערלאנגט, באר איהם אנגע-קוקט לאנגזאם דורך די ברילען, ער האט אזוי גע-קוקט עטליכע סעקונדען דאן האט ער אנגעהויבען צו זאגען שלום עליכם, מיט דעם שבת'דיגען ניגון, אזוי ווי שטענדיג, און זיך אבסאלוט נישט זשענירט וואס דער יונגערמאן איז נעבען איהם געזעסען. פייערמאן האט בעענדיגט דעם שלום-עליכם, געמאכט אויפ'ן קול קידוש און דאן זיך געוואשען און זיך אוועקגעזעצט ביים טיש עסען. מיט זיין טאכטער האט ער גארנישט גערעדט, וואס איז נישט געווע-זען געוואוינהייט, ער פלעגט שטענדיג דעם איינ-ציגען אווענד זיך פרעהען מיט זיין הויזגעזונד, מיט זיין פרוי און קינדער, וועלכע ער האט כמעט א גאנ-צע וואך נישט געזעהען.

אלא האט נישט געלעגט קיין אכט דערויף, וואס דער פאטער איז אנגעברוגזט, זי האט ווייטער געשטיפט מיט העניעק'ן און זיך געוויצעלט מכח די יודישע געפעפערטע פיש.

— א פאסלאניעץ האט געברענגט א בריף פאר דער פרייליין אלא, האט דאס דינסטמיידעל געזאגט, אלא האט זיך אויפגעכאפט פון ארט און איז אריינגעלאפען אין קארידאר, אויך די פרוי פייערמאן האט זיך געוואלט אויפשטעלען און געהען א קוק געבען וואס דאס איז פארא בריף. לייב האט זי אבער שארף אנגעקוקט און געזאגט:

— אסתר, בלייב זיצען, געה נישט און קוק בעס-סער נישט וואס שלעכטע קינדער טוען, דער סטו-דענט האט זיך א ביסעל פערדרייטעלט און איז ווייטער געזעסען און געמאכט דעם אנשטעל ווי ער וואלט די גאנצע סצענע נישט פערשטאנען.

אלא איז אריינגעקומען און געהאלטען אין האנד א בריוועל אין א קליינער בלויער קאנווערט.

— ווער שרייבט דאס אייך ליבעס-בריוועלעך, פרייליין אלא, האט העניעק געפרעגט מיט א שמייכעל.

— איהר זענט שוין אייפערזיכטיג האט אלא גע-ענטפערט. פייערמאנען האט זיי די פראגע און סיי דער ענטפער געשטאכען ווי שפילקעס, אלא האט אויפגעריסען דעם בריף.

— היינט אי זשבת, האט פייערמאן שארף גע-זאגט.

— איך בין א פאסטעמפאווער מענש, האט אלא געענטפערט. דערווייל האט זי געעפענט דעם בריף און איבערליינענדיג דעם אינהאלט איז זי בלאס געווארען.

(פארטזעצונג קומט).

# לודוויק זאַץ

## (אַ ביסעל איינדרוקען פון זיינס אַ פאָרשטעלונג)

דער בעריהמטער אַקטיאָר לודוויק זאַץ גאַסטראָלירט ווי בעקאַנט, אַ צייט אין וואַרשא קומט אַ לאָדזער יודישער זשורנאַליסט קיין וואַרשע און האָט אַנ׳איבערגעס פאַר׳ן יודישען טעאַטער. געהט ער זעהן לודוויק זאַץ׳ס אַ פאָרשטעלונג, עס קאָן גאָר אַנדערש נישט זיין.

אויך דער שרייבער פון די שורות האָט אַנדערש נישט געקאָנט טון ווי געהן זעהען לודוויק זאַץ׳ן שפּילען, איך בין געגאַנגען אין קאַמינסקיס טעאַטער און זיך צוגעקוקט צו אַ מעלאָדראַמע, וואָס זאַץ האָט אויפגעפיהרט און איך בין אוועק אַנ׳איבערראַשטער.

עס פעראינטערעסירט נישט די האַנדלונג, און אויך נישט דער סיפור המעשה פון דעם שטיק, עס פעראינטערעסירט נאָר — זאַץ. מען זיצט אין טעאַטער און מען פערגעסט זיך, אַז מען געפינט זיך אין טעאַטער, אַזוי לאַנג ווי זאַץ געפינט זיך אויף דער סצענע, האָט מען נישט דעם איינדרוק אַז מען שפּילט דאָרט אויף דער סצענע טעאַטער, זאַץ רייסט אַוועק פון דער טעאַטער-ווירקליכקייט און וואַרפט אַריין דעם צושויער אין דער לעבענס-ווירקליכקייט, ער רויבט אַוועק ביים צושויער דעם גענוס פון טעאַטער-שפּיל און גיט איהם דערפאַר דעם גענוס פון איבערלעבען דאָס לעבעדיגע, רעאַלע לעבען.

איך האָב געזעהען ביי זאַץ׳ן אַ סצענע, וואָס האָט אויפגעשוידערט מיט דער קינסטלערישער פשטות וואָס זאַץ האָט דערין אַריינגעלעגט.

אַנ׳אָרימער שוסטער האָט אַ טאַלאַנטירטען זוהן וועלכער רייסט זיך אויסצובילדען זיין פרעכטיגע שטימע און וויל צו דעם צוועק פאָהרען קיין איטאַליען. דאַרף מען דאָך דערצו האָבען געלד, טאָ וועה זאָל איהם דאָס געלד געבען? זיין אָרימער פאָטער דער שוסטער? וואַרפט דער זוהן כסדר פאַר דעם אָרימען פאָטער אַז ער זאָרגט פאַר איהם נישט, דער פרימיטיווער שוסטער בעגרייפט נישט דעם זוהן׳ס שטרעבען צום זינגען, ער פערשטעהט בלויז, אַז דער זוהן האַלט איהם פאַר נישט קיין גוטען פאָטער, ווייל ער זיך אויסצייכענען פאַר׳ן

לודוויק זאַץ

זוהן; און ברענגט אַהיים פאַר׳ן זוהן — בייגעל., אַני עסען וואָס ער אַליין זפערגינט זיך נישט, די בייגעל זענען אַ לוקסוס פאַר זיין געלד-בייטעל, די סצענע, ווי זאַץ ברענגט אַהיים די בייגעל און איז מכבד דעם זוהן, האָט אין זיך זעהר פיל קאָמישעס, נאָר זאַץ דערפיהרט די סצענע צו קינסטלעריש טראַגי-קאָמישעס, וואָס שוידערט ממש אויף.

איך שטעל זיך אָפּ אויף דער דאָזיגער קליינער סצענע, נאָר דערפאַר, ווייל זאַץ האָט אויך זיך דערויף אָפּגעשטעלט, און מיט אַ ספּעציעלער כוונה געבערענגט צום אויסדרוק אַזעלכע שטריכען, וואָס בעווייזען מיט וואָסערע דורכדרינגליכע בליקען ער נעהמט אַרום זיינע טיפּען, אַז ער דערזעהט ביז אין דער טיפעניש פון זייערע נשמות.

זאַץ בעציהט זיך גרויזאַם צו זיינע טיפּען, ער דערלאָזט נישט, אַז זיינע טיפּען זאָלען עפּעס פערבאָרגען פון זייער כאַראַקטער, פאַר׳ן צושויער, ער גרובעלט אכזריותדיג אין זייערע נשמות און מיט דער קאַלטקייט פון אַ גזלן וואָס יעדער קינסטלער מוז אין זיך האָבען מאַכט ער בולט אַלץ, וואָס ער זעהט.

איך וויל נישט זאָגען אַז זאַץ איז אַ גרויסער אַקטיאָר, ווייל אויף מיר האָט ער נישט געמאַכט קיין אַקטיאָרישען איינדרוק, איך האָב ביי איהם נישט געזעהען קיין אַקטיאָריש שפּיל, נאָר אַנ׳אויסלעבען די וואַהרהאַפטיגקייט פון לעבען, אַנ׳איבערלעבען מענשליכע איבערלעבונגען מיט פשטות און שלימות.

זאַץ איז מענשליך אין זיין שפּילען און איז גרויס אין זיין מענשליכקייט.

לודוויק זאַץ גרייט זיך צו שפּילען אין לאָדז און שיקט פאָראויס אַ גרוס דעם לאָדזער יודישען עולם.

**טעאַטער-מענש.**

# באַבע און איניקל

(ערצעהלונג)

**פון נ. י. גאָטליב.**

(סוף.)

אַז כילינקע כאַפּט זיך אויף, שטעהט שוין נעבען איהם אַ פרישער, פאַרטיגער פריהשטיק. זי, גוטע, בעדאַרף דאָך, כמעט, גאָרנישט; אַ פּאָר שקאָרינקעס אין הייס וואַסער און — געגנוג. פאַר איהם, אָבער פאַר איהר כילינקען, איז שטענדיג פאַר׳האַן פון דאָס בעסטע. כילינקע, דער שעהנער תּפ־שיט, פרעסט זיך שטאַרק אָן, שלעפּט אַרויס ביי דער באָבען אַביסעל געלד און אַנטלויפט צו זיינע טויבען. די באָבע בלייבט אַליין. נאָר איצט האָט זי קיין מורא נישט. ס׳איז טאָג, ליכטיג. די לאָדענס זענען אויפגעפראַלט, די זון שיינט אַריין. פלייצט מיט סנאָפּעס ליכט און וואַרימט דעם פערדומפּטען און קיהלען חלל פון דער גרויסער אַלטער שטוב.

גוטע פוצט זיך אויס אין איהרע אַלט-מאָדי־שע קליידער, בינדט פּאָרזיכטיג איבער דעם בינ־טעל גרעסערע אַסיגנאַציעס, וועלכע ליגט ביי איהר האַרץ ביי דער טאַרבעדיגער, אויסגעטרייסעלטער ברוסט — און לאָזט זיך אַרויס אין גאַס. פאַר׳ן אַרויסגעהען קוקט זי נאָכאַמאָל איבער איהר גאַנץ פערמעגען, פערשליסט דערנאָך די טיר אויף צוויי שלעסער און בעהאַלט דעם שליסעל אין אַ טיפער, ספּעציעלער קעשענע.

גוטע בעזוכט איהרע מענשען, מאָהנט איין חובות, טרעפט זיך מיט בעקאַנטע ווייבער און בע־קלאָגט זיך אויף איהר ביטערען מזל: מ׳איז אַליין, נעבעך, אַ פערוואָרלאָזטער שטיין... ווען נישט דאָס איניקעל, כילינקע, זאָל לעבען.... דערנאָך קויפט זי איין אויפ׳ן מאַרק עסנוואַרג אויף אַ פּאָר טעג און קומט צוריק אַהיים.

אין שטוב איז שטיל, טויט, נאָר די זייגערס פּולסירען: טיק-טאַק, טיק-טאַק, גוטע קאָכט עפּעס אָפּ און נעהמט וואַרטען אויפ׳ן אָוונד, אויף דער נאַכט און אויף כילינקעס קומען. דער אָוונד פער־שפּעטיגט נישט. אָט נעהמט ער זיך אויסשפּרייטען איבער די גרוי-טאַפּעצירטע ווענט, די טונקעלקייט ווערט געדיכטער. ס׳ווערט קיהל, גוטע ציהט אַרויף אויף זיך אַנ׳אַלטען יאַק, אַ ווינטער-בגד, און קריכט אַריין אין בעט — זיך אָנוואַרימען. אין בעט בלייבט זי שוין ביז כילינקע קומט.

טיפער אָוונד, אין שטוב איז פינסטער. גוטע ליגט און פוילט זיך אַראָפּקריכען און אָנצינדען אַ ליכט, זי ליגט און ציילט די טיק-טאַקען פון די פיל-צאָהליגע זייגערס.... די שעה׳ן קריכען, ווי גרויסע, גרויע, אומגעלומפּערטע שפּינען. אַלץ ווערט פערשפּינט אין אַ טונקעל-גרויען געוועב. גוטע גיט זיך איבער אין די הענד פון פינסטערע מחשבות און געשפּענסטער.

אין די זומער-אָוונדען און נעכט איז נאָך נישט אַזוי געפעהרליך. די דרויסען-יונגשאַפט דרינגט אַריין דורך די פער-קלאַפּטע לאָדענס אין די קבר־דיגע צימערען פון גוטעס שטוב און רייניגט מיט זיך עפּעס דערפרישענדיגעס, יונגס, לעבהאַפטיגעס, אַנדערש איז עס אין די ווינטערדיגע לאַנגע אָ־ווענטען, אין די טויטע, קאַלטע און שנייאיגע נעכט. אין שטאָט זענען ווינטען אַפטע געסט, איבער־הויפּט, אַרום גוטעס שטוב, וועלכע שטעהט האַרט ביים טייך. די ווינטען בעפאַלען דעם בלעכענעם דאַך און נעהמען רציחות׳דיג רייסען דעם פערזשאַ־ווערטען בלעך, וועלכער קרעכטשעט, וויינט היזעריג און בעט זי ךרחמים.... אויף אַ דאַך פון אַ שכנות־דיגען הויז קומט פאַר אַנ׳אומזיסטער קאָנצערט פון אַ פּאָר קעץ.... זייער קאַצענ־יאָמער רייבט גרוי־זענדיג אַריין אין גוטעס אַלע אויסגענאַגטע גלי־דער, — און איהרע לעצטע בינטלעך הייך-קאַליר־טע האָר שטאַלצען זיך אויף און ווערען אויפ׳ן קאָפּ נאָדעלדיג-שאַרף....

גוטע ליגט טרייסעלט זיך. פינסטערע מחשבות, ווי שוואַרצע, עקעלדיגע סאַראַקעס, פּלאָטערען אַרום אי איהר אויסגעדייוועט׳טען מוח.... זי בעהמט ציהען אויפ׳ן שוואַכען פעדימעל פון איהר זכרון די גע־שטאַלטען פון איהרע, פריהצייטיג-פערשאָרבענע קינדער... וועלוועלע, אַדעלע, ציפּעלע, זיסעל..... זיסעל איז געווען אַ גאָלד-האָריגע מיידעלע, אַ שיינהייט, אַ ממזרת, געראָשען אין טאַטען דעם אויס־וואָורף.... זי ליגט, גוטע, איינגעדרעהט, צונויפגע־קאָרטשעט און חלומ׳ט. נאָר אָט טוט דער ווינט אַ ווילדען וואָיע. איהרע חושים שפּיצען זיך אָן. אַ וואַנד-זייגער שלאָגט צוויי. מען בעהמט רוגזה׳דיג קלאַפּען אין טיר. מיט אַ פערטייעט האַרץ שאַרט זיך גוטע אַראָפּ פון געלעגער: באַלד, כילינקע, באַלד !....

* * *

די לעצטע צייט איז כילינקע געוואָרען זעהר אומרוהיג. ער קומט אַלע נאַכט שטאַרק שיכור, רעדט צו דער באָבען האַרבע גאַסען-רייד און כאַפּט זיך אָפּטמאָל שלאָגען. די באָבע שטילט איהם איין ,בעט איהם איבער, בערוהיגט, אָבער ער, כילינקע, האָט גרויסע טענות: פאַר ווען האַלט זי עס. די פראַצענטניצע אַזאַ פערמעגען, האַ? פאַר וואָס ציטערט זי אַזוי איבער יעדען קלענסטען חפץ? ער, כילינקע, דאַרף געלד! אַ סך געלד דאַרף ער, כילינקע און זי, די באָבע, מוז עס איהם צושטעלען!

כילינקע האָט גענומען צו אָפּט שלעפּען פון שטוב פערשידענע זאַכען. אַלץ ווערט פערטאַכ־ליעוועט און פערקויפט אויפ׳ן „טאָלטשאָק" פאַר כויל-בויל. די באָבע האָט זיך, לסוף, געכאַפּט און געמאַכט אַ געוואַלד. דאָס איז פאָרגעקומען אין איי־נעם אַ ווינטער-אינדערפריה. צוויי נעכט איז כילינ־קע איינגאַנצען נישט געקומען נעכטיגען און אָט כאַפּט ער זיך מיטאַמאָל אַריין, שטאַרק שיכור, ער פּענט אויף אַ גרויסען קאַסטען און שלעפּט אַרויס אַ שווערען, קאָטינעם פעלץ.

— וואוהין שלעפּסטו איהם? איז די באָבע גוטע געוואָרען אַ פערציטערטע — וואוהין?

— אויפ׳ן „טאָלטשאָק"! — האָט כילינקע אַר־רויסגעכריפּעט מיט אַ בראַנפּענדיגען קול — געלד דאַרף איך, אַלטע מכשפה, געלד, פערפליוכטע צויג — — — און ער איז אָנגעפאַלען אויף איהר, מיט זיינע האַמערדיגע פויסטען — — —

* * *

דריי וואָכען איז די באָבע גוטע געלעגען אין בעט אַ היבש - צוטרייסעלטע. גוטעס אַ שכנ׳טע, פלעגט איהר, דער באָבען, געבען עפּעס אין מויל אַריין, אַז די באָבע גוטע איז, לסוף, אַראָפּ פון בעט, איז איהר ערשטע זאַך געווען: אויסגעפינען, וואו כילינקע איז.... זי האָט איהם אַרומגעזוכט עטליכע טעג. נאָר אָהן דערפאָלג. זי האָט זיך שוין פון איהם כמעט מייאש געווען, נאָר כילינקע האָט זיך נאָך אומגעקעהרט.

* * *

ס׳איז געווען אַ שטורמדיגע ווינטער נאַכט.

שאַרפע ווינטען האָבען געוואָיעט איבערן שטאָט און געשאָטען מיט אונצאָהליגע הויפענס דינעם, נאָדעלדיגען שניי. גוטע איז געלעגען אין איהר קליינער, הילצערנער בעטעל, געקאָרטשעט זיך, געוואָרפען זיך פון איין זייט אויף דער צווייטער און געשעפּטשעט מיט די אויסגעטריקנטע ליפּען... ווידוי האָט זי געזאָגט, על-חטא האָט זי זיך גע־שלאָגען.... דאָסמאָל האָט זי געוואָלט מיט׳ן גאַנ־צען האַרצען שטאַרבען. צו וואָס אַזא לעבען? אַזא קבר׳דיגע, איינזאַמע עלטער? שטאַרבען, שטאַר־בען !.... דער ווינט האָט געוואָיעט, געריסען דעם בלעך פונ׳ם נידעריגען דאַך, געפייפט אין קוימען, געדראַפּעט זיך אויף די ווענד.... גוטע האָט גע־פיבערט און געוואַרט, געוואַרט — — —

— — — און אָט האָט מען אָנגעקלאַפּט אין טיר. אַ שוידער איז אַ דורך דורך איהר אויס־געגנאָגטען קערפּער. זי איז אַראָפּ פון בעט, אָנ־געצונדען אַ ליכט און, טרייסעלדיג זיך, זיך צוגע־שאַרט צום טיר: כילינקע, דו ביסט עס?

— יאָ, באָבע, יאָ! איך בין עס, איך! דער קול איז געווען אַ הייזעריגער, אַ שיכור׳ער און פול מיט פחד און מיט חניפה. די באָבע גוטע האָט זיך שטאַרק דערפרעהט און זיך פונאַנדערגעלאַכט מיט אַ פערשייטען, וואַהנזיניגען געלעכטערעל, זי האָט אויפגעריגעלט די טיר. אַ ריזיג-הויכע פיגור האָט זיך אויף איהר אַרויפגעוואָרפען, צוגעקוועטשט צום קאַלטען דיל און גענומען שטיקען, ווערגען

— — — — — — — — —

ווען ס׳איז געוואָרען אינגאַנצען שטיל האָט כיליצקע דערטאַפּט די טאָרבעניגע, אויסגעליידיגטע ברוסט פון דער באָבען, אַרויסגעשלעפּט דעם גרוי־סען פּעקעל אַסיגנאַציעס און נעלם געוואָרען דורך דער אָפענער טיר. דאָסמאָל — אויף אַ לאַנגער, לאַנגער צייט.

קלאַנג-קינאָ-טעאַטער

ZACHĘTA

26 זגערזשער 26

הייבט אוז פאלג. טעג!

גרויסער דאָפּעלטער שלאַגער-פּראָגראַם!

I.

„בלוט אין דער מדבר"

אין די הויפּט ראָלען:

Jack Holt, Dorota Sebastian

II.

דאס שפּילען זיך מיט ליבע

אין דער הויפּט-ראָלע: HENRI GARAT

אָנהויב אין געוועהנליכע טעג 4 נאָכמ. שבת, זונטאָג 12 בייטאָג.

קירצליך: ס׳האַרץ פון אַ לידער-זינגער

## צום היינטיגען קאָנצערט פון יאַשא חפץ

### אין לאָדזער פילהאַרמאָניע-זאַל

דער בעריהמטסטער פידעל-ווירטואָז פון דער וועלט, איינער פון די גרעסטע וועלט-פּער־זענליכקייטען — יאַשא חפץ קומט קיין לאָדז און וועט דאָ אויפטרעטען מיט איין איינציגען קאָנ־צערט היינט דאָנערשטאָג אָוונט אין פילהאַר־מאָניע זאַל.

חפץ געהערט צו די נעצהלסטע פעניאַלע געניאַלע ווירטואָזען.

דער קאָנצערט האָט אַרויסגערופען אַ גע־וואַלדיגע פעראינטערעסירונג און בעגייסטערונג אין אַלע קרייזען פון מוזיקאַלישען לאָדז.

אַלס מיטגרינדער פון ערשטען יודישען מוזיק-קאָנסערוואַטאָריום אין ארץ-ישראל האָט חפץ גענומען אויף זיך דעם חוב מיט סובסידיעס און סטיפּענדיעס מיטצוהעלפען אויסבילדען אַ יונגען דור יודישע קינסטלער.

דער היינטיגער קאָנצערט פון יאַשא חפץ איז פאַר אונז יודען, נישט נאָר אַ גרויסע מוזי־קאַלישע געשעהעניש נאָר אויך אַ נאַציאָנאַלע.

## פון „קווי פּראָ קוואָ"

היינט שפּילט „קווי פּראָ קוואָ" אין „סקאַלאַ" די רעוויע א. נ. „מיט דער נאָז אין דער הויך".

## ראַדיאָ-פּראָגראַם

### דאָנערשטאָג, דעם 5 מאַי 1932

10,10 גאָטעסדינסט, 11,58 צייטסיגנאַל, 12,15 סימפאָנישער פריהמאָרגען, 3,00 לייכטע מוזיק, 3,55 פּראָגראַם פאַר קינדער, 4,20 גראַמאָ־פאָן, 4.40 פאָרלעזונג, 4,55 גראַמאָפאָן, 5,10 פאָרלעזונג, 5,35 נוצליכע ידיעות, 5,45 פּאָפּולע־רער קאָנצערט, 7,00 פערשידענעס, 7,20 רעפּער־טואַר, 7.35 ספּאָרט, 7,45 פאָרלעזונג, 8,15 קאָנ־צערט, 9,45 ליטעראַרישע פערטעל שעה, 10,00 קאָנצערט, 10,40 קאָמוניקאַטען, 11.00 טאַנץ־מוזיק.

Dr. med. REICHER

פּאָלודניאָווע 28, טעל. 20193

ספּעציאַל-אַרצט פאַר מענער-שוואַכע-בעהאַנדלונג

נעהמט אָן פון 8 — 11 פריה און פון 5 — 8 אָוונט זונטאָג און יום-טובים פון 9 — 1 בייטאָג.

לאָדזער יודישער קאַמעראַל-טעאַטער

אַלעע 1-טער מאַי 2. דיר.: דוד צעלמייסטער און א. בעזמאַן.

גאַסטשפּילן פון לאָדזער קאַמעראַל און קליינקונסט-טעאַטער „אררט"

קינסטל. אָנפ.: מ. בראָדערזאָן.

לעצטע 3 טעג! היינט דאָנערשטאָג - 2 פאָרשטעלונגען אָנהויב 8 און 10 אָוונט

פייוועל אין דער קאָפּטען

2 טיילען, 12 שלאַגער-נומערן

טעקסטען: משה בראָדערזאָן, י. אָבערזשאַנעק און עלדע.

מוזיק: דוד בייגעלמאַן. דעקאָראַציעס: דינה מאַטוס. רעזשי: ש. דזשיגאַן און י. שומאַכער.

קאָנצערט-מייסטער: ש. בייגעלמאַן. ביהנע-אינספּעקטאָר: מ. קאָן.

1) אוווערטור 2) טאַנץ-שקיץ 3) אויפן שפּאַציר 4) באַסטאַן 5) אייזערנע נערוועו 6) שאַך-מאַט 7) אַנאַטת׳ע יודישע מגלה און אַ שוויץ-באָד 8) צעטעלעצאַנק 9) אַ ראָמאַנס 10) טאַנגאָ 11) אליהו הנביא ביים שניידער 12) ג׳ייפן קאַלישער וואַקזאַל אַ דעפּילאַדע פון כזיר-מטער, אריסטאָקראַטיע, טעקווערסטראַטען און אנדערע לאַפּיטוטען.

בילעטען צו בעקומען אין קאַסע פון טעאַטער פון 6 אָוונד.

# א יונגעל

פון אַנשטענדיגע עלטערן קען זיך מעלדען אין אדמיניסטר. פון דער צייטונג פון 6–7 אָוונד.

# עס ווערט געזוכט
## א פעהיגער יונגערמאַן

אלס סעקרעטאר אויף נאָכמיטאָג-שעה'ן. פאָרצוג א אַרטאָדאָקסישער. זיך ווענדען אין ליובאַוויטשער ישיבה פּאָמאָרסקאַ 41a. 2841

Lek.-Dentysta
# F. DREJCER
2856 przeprowadziła się na
**ul. Sienkiewicza 52 (róg Nawrot).**

# קליינע אַנאָנסען
## 1 זלאָטי
פאַר א אַנאָנס ביז 15 ווערטער

## פּריוואַט־פּאָסטענס

עס ווערט געזוכט א נייהער ביים קאמאשען-שטעפּער ל א ק ס. אלעקסאנדריסקא 30 (מרדכי גבאי'ס גאָס. 2849

וויסיג א קוואליפיצירטע ארבייטערין אויס-צופּערטיגען דאמען-בערעטען און טשאַפּקעס, אויך א שטריקער-ארבייטער מיט א 9–10-ער פ.ד. מאשין און א גלאַטע 10-ער מאשין. נאַוואָקאַ 4, שפּאַנצער.

א קוואליפיצירטער נייהער ווערט פון זאָפאָרט געברויכט ביים קאמאשען-שטעפּער פּיעטריק. 117.

א קוואליפיצירטער נייהער. ווי אויך א ריכ-טעווער ווערען פון זאָפאָרט געברויכט ביי אדערבערג פּאָמאָרסקאַ 3. 2862

P. D. קוואליפיצירטע קראַפט-ארבייטער צו ווערען פון זאָפאָרט געברויכט ביי זיגעלמאַן, פּיל-סודסקיעגאָ 15. 2861

א שטריקער צו רענדער און א שפּולערין צו צווירן ווערט געזוכט ביי מיכאלאָוויטש, ווסכאָדניא 50. 2848

## לאָקאַלען

פון זאָפאָרט איבערצוגעבען א פאַבריקס-לאָקאַל מיט א קאָנצעסיע פּלאַץ יואלנאָשטשי 3. צו מעלדען זיך פראַנציסקאַנער 38, מ. טשינזש.

א וואוינונג פון 5 צימער קאָמפאָרט איינ-געריכטעט איבערצוגעבען אָרלאַ-גאַס 9, וו. 8. דאָרט איז אויך פערקויף פון בוי-פּלעצער אין לאַנגובעק. 2853

א זומער-וואוינונג פון דריי מאָל צו צימער און קיך, ווי אויך א פרוכטען-גאָרטען צו פער-פאַכטען, אין העלענובעק, נאַרוטאָוויטשאַ 23, ביים ווירט מילער. 2852

א שטוב מיט א קיך, קאָרידאָר, אין פּארטער פון זאָפאָרט איבערצוגעבען זוליב אבריזע. 2851 ציגעל-גאַס 22, וו. 11.

אַנ'צלטער פּאָר-פאָלק, קינדערלאָזע, זוכט א צימער מיט בעקוועהמליכקייטען, נישט טייער. — אָפּערטען מיט'ן פרייז אין אדמיג. פאַר „לעווין".

## פערשידענעס

צו פערקויפען א לאַדעס-קאַסטען מיט 3 שטיינערנע טעפּ. צו ערפאַהרען ביי רווישיצקי, שטאַרקס-גאַס 3/5. 2842

א געברויכטען שרייב-טיש וויל איך קויפען. ביטע קלינגען 151-16. 2860

ק אָ ל ו מ נ אָ. א מאַנגעל צו פערפאַכטען. צו ערפאַהרען Kazimierski, Sienkiewicza 91

Zaginiony został kwit za Nr. 70719 Aleksandryjska 24, M. Solarz. Kwit unieważnia się. 2854

Zaginął weksel na sumę zł. 50.– wystawca Dr. Sudya, na zlecenie Poznantka, również dowód osobisty i książkę wojskową na imię Arja Jakubowicz, Al. Kościuszki 21. Weksel unieważniony. 2847

Skradziony portfel należący do Jakóba Grabińskiego, który zawierał różne dokumenta proszę za wynagrodzeniem zawiadomić lub zwrócić takowy, czarny skórżany portfel do Admin. Piotrkowska 21, tel. 224-71.

# Bilans roczny (netto)
# Łódzkiego Banku Depozytowego,
## Sp. Akc. w Łodzi
## na dzień 1. stycznia 1932 r.

| STAN CZYNNY | | |
|---|---|---|
| Kasa i sumy do dyspozycji w Banku Polskim, P. K. O. i Banku Gosp. Kraj. | Zł. | 1.761.315.78 |
| Kupony | | 83.913.75 |
| Waluty zagraniczne (banknoty i monety) | | 636.449.78 |
| Papiery wartościowe | | 1.058.364.75 |
| Banki „loro" i „nostro" | | 1.063.925.73 |
| Weksle zdyskontowane | | 5.382.041.78 |
| Rachunki bieżące (salda debetowe | | 4.435 554.32 |
| Ruchomości | | 67.570.51 |
| Nieruchomości | | 206.857.32 |
| Sumy przechodnie | | 265 431.35 |
| | | 14 961.425 07 |

| STAN BIERNY | | |
|---|---|---|
| Kapitały własne: | | |
| a) zakł. (25.200 akc. po zł. 100) | 2.520.000 — | |
| b) zapasowy | 1.234.962 51 | |
| c) fundusz amortyzacyjny | 16.548.58 | 3.771.511.09 |
| Wkłady i rach. bieżące | | 8.305.387.01 |
| Zobowiązania inkasowe | | 153.397.60 |
| Redyskonto weksli | | 1.818.709.38 |
| Banki „loro" i „nostro" | | 302 927.40 |
| Procenty i prowizje na rok 1932 | | 50.891.— |
| Sumy przechodnie | | 221.772 90 |
| Zysk | | 336 828 69 |
| | | 14.961 425.07 |

## Rachunek Strat i Zysków za 1931 r.

| WINIEN | | |
|---|---|---|
| % % i prowizje wypłacone | Zł. 962.315.— | |
| Koszty handlowe | 1.709.203.12 | |
| Amortyzacja nieruchomości i ruchomości | 15.403.91 | |
| Odpisy na dłużnikach | 196.123.62 | |
| Różnice kursowe na papierach % % | 9.596.59 | |
| Zysk do podziału jak następuje: | | |
| na kapitał zapas. (§ 64 Statutu) | 25.037.49 | |
| do przen. na rok następny | 311.791.20 | 336.828.69 |
| | | 3.229.470.93 |

| MA | |
|---|---|
| Pozostałość zysku | 189.814.73 |
| % % i prowizje pobrane | 2.931.435.47 |
| Różnice kursowe na r-kach walut. | 15.140.42 |
| Zwrot sum dawniej odpisanych | 8 637.66 |
| Dochód za składów towarowych | 84.442 65 |
| | 3.229.470.93 |

# גאַנץ לאָדז ווייסט
אַז דער פאָטאָגראַפישער אַנשטאַלט
# „פּאָלאָניא"
## שוו. יעזשעגאַ 11
איז פּאָפּולער מיט זיינע גוטע קינסטלערישע אויפ-נאַהמען, און בעמיהט זיך צו זיין פאַר די ג' קליענטען זעהר פּינקטליך. און ד רצו בעזיצט ער א גרויסען אויסוואַהל פון אַרטיסטישע קאַסטיומען.
מיט אַכטונג
אַרטיסט. פאָטאָגראַף. אַטעליר
**„POLONJA"**
לאָדז, יעזשעגאַ 11.
אינה.: דיפּל. פּאָטאָגר גוטערמאַן
צופאָהר מיט טראַמוואַי נומ' 3.

# PORADNIA WENEROLOGICZNA
## פון דאָקטוירים-ספּעציאַליסטען
## זאַוואַדזקאַ 1.
נאָר פאַר ווענערישע הויט-קראַנקה. און מענער-שוועכע אַנאַליזען פון בלוט און אויספלוס אויף סיפיליס און טריפּער. קאָנסיליומס מיט ספּעציאַליסטען פון אורא-לאָגישע און נערווען-קראַנקהייטען. קוואַרץ-לאַמפּ. עלעקטרישער הייל-קאַבינעט ראַסמעטיק.
— — טעגליך פון 8 פריה ביז 9 אָוונד. — —
פון 11 ביז 12 ביי טאָג און פון 2 ביז 3 נאָכמ. נעמט-אָן א פרוי-דאָקטאָר נור קינדער און פרויען
זונטאָג פון 9 פריה ביז 2 נאָכמיטאָג.
– בעזונדערע וואַרטע-צימער פאַר פרויען. –
## וויזיט 3 זל.

כעמיש-
באַקטעריאָלאָגיש
לאַבאָראַטאָריע
פון מאַגיסטער
# נ. שאַץ
פּיעטריקאָווער 37
פראָנט, 2 שטאָק.
אַנאַליזען פון קאָל, אורין
רייכען און אנד.
מעסיגע פרייזען.

## Samochody
i motocykle używane,
Kupno, sprzedaż, komis
zamiana.
Auto-Agencja
Gdańska 82 tel. 189-28

# זיכערע הילף און א רפואה
## אהן א אפּעראַציע, אָן בלוט. אהן א מעסער און אהן בלוט-פערגיסונג פאַר קראַנקע אויף קילעס פאַר מענער, ווייבער און קינדער. פערשידענע קאָליסעס אין גוף פאַר הויסערס און פיס

פּערלאָזט אייך נישט, וויל דער ווינקעל-בראָך העוט גרויס אזוי ווי א מענשען-קאָפּ, אָדער אזוי ווי א האָסער-קאָפּ און עס פאַלט אַריין אין דעם פיס און דער קראַנקער איז אין א גרויסער סכנת דורך פערדרייען די קישקעס ווערט ער בראַנדיג און שטערבליך. ספּעציעל גוטע הייל-באַנדאַזשען אויסגעצייכענט גוט דורך גרויסע פּראָפעסאָרען מיט מיינע בע-האַנדלונג און פון דייטשען פּראָפעסאָר

דאָקטאָר בראָכגרעווינד בעזיטיגען זיכער דעם שווערסטען און געפעהר-ליכסטען ברוך. אויך פאַר הויקערס, ליימונגען מיט הייל-גאַרמעטען און אפּאַ-ראַטען פאַר פערקרומטע פוס און פלאַט-פוס, ספּעציעלע איינלאַגען און די שיך קינסטליכע גוטע פיס און הענד, גוטע זאָקען, פאַר די גרעסטע קראַנקע אָדערן. עמפּפאַנגט פון 9 ביז 1 בייטאָג און פון 3 ביז 7 אין אָוונד.

ארטאָפּעדישע אַנשטאַלט
## Specialist J. RAPAPORT, Ortoped
**von Lemberg Łódź, WOLCZANSKA 10,**
**tel. 221-77, front, parter.**

בעמערקונג: דאָס פּערזענליכע ערשיינען פון די קראַנקע איז אונבע-דינגט נויטיג. דיפּלאָמען האָבען אויסגעשטעלט פּאָלגענדע אוניווערזיטעטס-פּראָפעסאָרען: פּראָפ. ד"ר בראַנטש, פּראָפ. ד"ר י. מאַריש-כער, פּראָפ. ד"ר בר. קיפּראַנאָווסקי און אויך אנדערע.
מיר נעהמען אויך אָן פּערזענלעכע פון דער קראַנקען-קאַסע.

## דאַנקזאַגונג.
דעם ה' דו"ר. י. ראַפּאָפּאָרט, דעם ספּעציאַליסט פון דער הייל-אָרטאָפּעדיע, וואוינהאַפט אין לאָדז, וואָלטשאַנסקאַ 10, דאַנק איך הערצליך פאַר'ן אָרלאַטצווען מיין קינד פון א שווערער פערקריפּלונג (פּאַראַליזש פון די פיס) דורכ'ן פערלענגען א ספּעציעלען הייל-אָרטאָפּעדישען גאַרסעט לויט זיין מעטאָדע. דאָס קינד איז איצט געצליך געזונד און גלייך.
(–) **Szklarowie.**

# Dr. med. NIEWIAŻSKI
ספּעציאַליסט פאַר סיפיליס, טריפּער און הויט-קראַנקהייטען, בעהאַנדלונג פון מענער-שוועכע
## אַנדזשעיאַ 5, טעל. 159-40
נעמט אָן פון 8–11 און פון 5–9 אָוו.
זונטאָג און יום-טוב פון 9–1 פאַרמ.
בעזונדערער וואַרטע-זאַל פאַר פרויען

Dr. med.
# W. Eychner
אַקושעריע און פרויען-קראַנקהייטען
## וואוינט איצט 4 צעגעלניאַנאַ 4
(נעבען קינאָ „טשאַרי") טעל. 72-134
נעהמט אָן פון ½2 – 4 און פון 7 – 8 אָוונד

Dr. med.
# Haltrecht
ספּעציאַל-אַרצט פאַר הויט-
און געשלעכטס-קראַנקהייטען
## פּיעטריקאָווער 10, טעל. 21-245
נעהמט אָן פון 8–11, זונטאָג פון 10–1.
פאַר אונבעמיטעלטע – לאַטשניצע - פּרייזען.

אַבאָנעמענטס-פּרייז: אין לאָדז – 5 זל. א חודש מיט צושטעלען א היים; אויף דער פּראָווינץ 6–[illegible] א חודש אין אויסלאַנד – 8 זל.
פאַר'ן איינצאָלט און טערמינען די אַנאָנסען איז דער פערלאַג נישט פעראַנטוואָרטליך די אַדמיניסטראַציע איז אָפען טעגליך און ביינאַכט.

אַנאָנסען-פּרייז: פאַר'ן טעקסט—18 גר. פרייטאָג און ערב יו"ט—24 גר. אין דער דריט 8 שפּאַלטען
אין טעקסט—40 . . . . . 60— . . . . . 4
נאָכ'ן טעקסט—12 . . . . . 18— . . . . . 8
[illegible] דער שטעט 50 פּראָצ. טייערער. אויסל. 100 פּראָצ. טייערער. מעלדונגען—10 גר. א װאָרט

Wydawnictwo „Najer Folksblat", spółdz. z odpowiedz. udziałami: Ch. J. Brzustowski i D. Zilberberg. Redaktor odpowiedzialny: Ch. Kaufman
Czcionkami i druk. „Najer Folksblat", Piotrkowska 21.